בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
סוכות תשפ"ג
VOL #33-1
United Jewish Community of Blooming Grove Est. 2019

# צענטראַלער "ווילעדזש פּלאַזאַ" ווערט פּלאַנירט צו אַקאָמאַדירן געטריי אַלע סערוויסעס פאַר שטאָט איינוואוינער

זייט 18

צוקונפטיגע גאַסן אין פּרעכטיגע "דברי חיים" דעוועלאָפּמענט באַקומען פּאַסיגע נעמען; וועט פאַראייביגן הכרת הטוב פאַר אונזערע געטרייע שלוחי דרחמנא ושלוחי ציבור די ווילעדזש אדמיניסטראציע הנקובים בשמותם

זייט 16

אַדמיניסטראַטאָר פון מוסדות ויואל משה 'קרית יואל' שטויסט זיך אָן אין פּיינטליכע באַנעמונג דורך "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" פירערשאַפט

זייט 10

קידוש ה' ביי אָנדענק צערעמאָניע צייכנט אָפּ געדענקעניש פון סעפּטעמבער 11 געפאַלענע

זייט 14

עדיטאָריעל
## בבית אלקים נהלך ברגש

זייט 6

קלאַרשטעלונג איבער נייעם "זאָונינג קאָוד"

זייט 20

פייער דעפּאַרטמענט פילט "לאָוסוט" אין גריכט קעגן ווילעדזש אַדמיניסטראַציע צוליב אַ פּאַרשלאַג פון זעקס יאָר צוריק

זייט 15

אָפיציעלער איבערזיכט אַנטפּלעקט שאָקירנדע מיסברויכן אין ווילעדזש וואַסער סיסטעם וואָס פאָדערט באַלדיגע רענאָוואַציע פּראָיעקט

זייט 19

## וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל #2

זייט 2

# וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל

די וויכטיגע קלאָרשטעלונג וואָס איז פאַרעפנטליכט געוואָרן צווישן די שפאלטענעם פון דער "שטימע", איבער די ווייטאָגליכע טעמע פון "מייקרי השער" האָט ב"ה געהאַט אן אויסטערלישע אָפּקלאַנג אומעטום.

מען האָט צוריקגעהערט אומצאָליגע דאַנקן און קאָמענטאַרן פון פילע אידן, סיי אַזעלכע וועלכע האָבן פאַרציילט אייגענע געשיכטעס וויאַזוי זיי זענען צום באַדויערן פאַרנאַרט געוואָרן דורך אנשי דלא מעלי, און סיי אַנדערע וועלכע זענען אַצינד געשטאַנען אינמיטן שליסן אַזעלכע צווייפלהאַפטיגע געשעפטן און אַדאַנק די אויפוואַכונג האָבן זיי זיך באַצייטנס געכאַפּט צו פאַרשטיין דעם ריכטיגן מציאות.

צוליב די גרויסע נאָכפראַגע שפירן מיר פאַר וויכטיג צו ברייטער אויסשמועסן "על מה יצא הקצף": וואָס איז די טיפע ווייטאָג פון תושבי עירינו און וואָס איז די געוואַלדיגע תביעה און אחריות וואָס בלומינגראָווער איינוואוינער פאָדערן פון בראָוקערס און פליפערס וועלכע פירן זיך נישט אָרנטליך.

## די געווענליכע מהלך פון בראוקערידזש

צוערשט איז זייער נויטיג צו קלאָרשטעלן אַז ס'איז ב"ה פאַרהאַן גענוג היימישע אידן, אָרנטליכע און אחריות'דיגע ביזנעסלייט וועלכע זענען עוסק מיט הצלחה אין דעם פעלד פון בראוקערן הייזער פאר אחב"י אין דער גאַנצער אומגעגנט.

דאָס זענען אינגעלייט צו וועמען מען קען האָבן אַ צוטרוי און אַ טראָסט, ווען ס'קומט צו אַ ריעל עסטעיט דיעל, ווייל מען ווייסט אַז זיי האַנדלען ערליך, מיט אַ פּראָפעסיאָנאַליזם און פאַרשטענדעניש.

די געווענליכע אָנגענומענע צוגאַנג פון בראוקערידזש איז ווען ס'איז פאַרהאַן אַ מוכר, וועלכער זוכט צו פאַרקויפן זיין הויז אָדער פּראַפּערטי, און ווידעראום איז פאַרהאַן אַ קונה, וועלכער וויל קויפן אַזאַ הויז אָדער פּראַפּערטי, דאָ קומט אַריין אין בילד דער "בראָוקער" וועלכער דינט אַלס דער שדכן, און ער באַקומט טאַקע זיין ערליך פאַרדינטע אָפּצאָל פאר זיין האָרעוואַניע.

דאָס איז אן אינדוסטריע וואָס פאַרמאָגט באַשטימטע ראַטעס סיי פאר קאָמערציאַלע, רעזידענשעל, און אינדוסטריאַלע ריעל עסטעיט. דאָס זעלבע איז פאַרהאַן אָנגענומענע בראוקערידזש ראַטעס פאר רענטל הייזער, פאַר קורצע טערמין אָדער פאר לאנג-טערמיניגן באַנוץ. און ס'איז טאַקע דאָ אַסאַך וואוילע אידן וועלכע זענען עוסק אין דעם געביט מיט אויפריכטיגקייט און גרויס הצלחה.

## די דריי סאָרט אומבארעכטיגע בראוקערידזש

וואָס האָט צום באַדויערן פּאַסירט איז די אויפקום פון געוויסע אומ'יושר'דיגע פאַרשוינען וועלכע טוען במזיד ובשאט נפש באַראַבעווען אידישע געלטער און שטערן דעם וואוקס פון אידישע געגנטער.

דאָס ערשטע ביישפיל פון אַזאַ פאַרברעכן איז דער איינפיר פון "פליפן דעם קאָנטראַקט", אָדער ווי עס ווערט אָנגערופן אַ "פּאַפּיר פליפּ".

נעמליך, דער בראָוקער וועט געוואויר פון אַ גוטן שטח, וואָס דער אייגנטומער וויל פאַרקויפן פאר אַ געוויסע פּרייז, אָבער דער בראָוקער באַשליסט צו נעמען דעם קאָנטראַקט אויף זיין אייגענעם נאָמען, כדי ער זאָל קענען דערנאָך פאַרלאַנגען אַ פאַנטאַסטישע פּרייז, בלויז אַז דער קונה זאל בכלל קענען אָפּקויפן די רעכטן פון דעם קאָנטראַקט און קענען אָנהויבן פאַרהאַנדלען מיט'ן אָריגינעלן אייגנטומער.

אַזאַ זאַך פון "פליפן אַ קאָנטראַקט" איז אַן איינפאַכע רויבעריי, ווען מען רייסט אויס פון אידן הימל שרייענדע סומעס, בלויז אויף אַ "פּאַפּיר פליפּ", נאָך איידער דער קונה האָט בכלל גערעדט מיט'ן אייגנטומער! מען נוצט אויס די סיטואַציע, וויבאַלד דער קונה נויטיגט זיך אַזוי שטאַרק אין דעם הויז, אים צו באַראַבעווען מיט אידיש געלט פאר קיין שום ריכטיגע סיבה, דאס איז און צוגאב צו די בראוקעריזש וואס דער בראוקער באקומט סייווי פון דעם מוכר.

* * *

נאָך אַ ביישפיל זענען די טראַדיציאָנאַלע "פליפערס". פארשוינען אָן קיין געוויסן וועלכע קויפן אָפּ הייזער, מיט'ן קלאָרן ציל דאָס באַלד צו פאַרקויפן ווייטער, מיט אַ צוגאָב פון צענדליגער טויזנטער דאָלאַר.

אָט די פאַרשוינען זענען איינפאַכע "מייקרים את השער", וואָס טרייבן אַרויף דעם פּרייז פון גאַנצע געגנטער צוליב זייערע שמאָלע אינטערעסן. דאָס איז גורם סיי אַז אידן זאלן צאָלן פילפאַכיג מער, און בעיקר איז דאָס אַ "מעוות שאינו יכול לתקון" אין די נייע געגנטער, וועלכע מאַכן זייערע ערשטע טריט מיט אַ האָפענונג זיך צו בויען, אָבער אין דער מינוט וואָס מען הייבט די פּרייז פאַרלירט עס ליידער די פּאָטענציאַל און הייזער ווערן מער נישט פאַרקויפט.

אין די ווערטער פון חכמינו ז"ל געפינען מיר אויסטערלישע שאַרפע אויסדרוקן אויף אַזעלכע וועלכע טוען מייקר זיין את השער, וואָס עס גלייבט זיך אַז קיין שום איד וויל נישט אַריינגיין אין דער קאַטעגאָריע אַז ס'זאָל חלילה קומען אויף אים וואָס עס שטייט געשריבן אויף דעם פאַרברעך.

* * *

די דריטע ביישפיל זענען אומ'אחריות'דיגע בראָוקער וועלכע מאכן אַן א.ג. "בידינג וואָר" א אנגעהיצטע געיעג צו באקומען די בראוקעריזש רעכטן אויף הייזער. מען אָפערט פאַר'ן גוי'אישן אייגנטומער פאַנטאַסטישע סומעס, וואָס וואָלט




בּ ייגעלייגט איז אַ ביישפּיל אויף די רויבעריי וואָס ווערט לייִדער דורכגעפירט אויף אומערפאַרענע און אומוויסנדע קונים דורך געוויסע, אונטער'ן שלייער פון "בראוקערידזש", אין אונזער געגנט.

אָט דער פּראָפּערטי איז אין די לעצטע וואָכן אַרויסגעלייגט געוואָרן אויפן מאַרקעט. עס איז געקויפט געוואָרן אין יאנואר '20 פאר די סומע פון 450 טויזנט דאָלער, דער מוכר האָט דאָס אַצינד געוואָלט פאַרקויפן פאר אומגעפער 9 מיליאָן דאָלער, א הימל געשריי פאר זיך, אָבער געלטגייציגע "פליפערס" האָבן אַרויפגעצויגן די פּרייז מיט אַ טרוים דאָס צו פאַרקויפן פאר אַ סומע פון 18- 20 מיליאָן דאָלער!!!

די טרוקענע פאַקטן איבער דעם פּראַפּערטי איז ווי פאָלגנד:

דער לאַט האָט כמעט נישט קיין "פראנטיזש" א קארגע 220 פיס, און דאָס גרעסטע טייל דערפון איז "לענד לאקד" וואָס באַדייט אַז עס איז פארשפארט און ס'האט נישט קיין צוטריט צו קיין פובליק ראָודס וואס איז אן אינטעגראלער חלק ביים אפפראוון א סובדיוויזשן.

דער לאַט געפינט זיך אויף גאר אַ שיפן באַרג, וואס לויפט פון דעם נידריגן טייל 270 פיס אין די הייעך אין אן אפשניט פון קנאפּע 1800 פיס דיסטאנץ וואָס מאַכט עס כמעט אוממעגליך צו בויען אויף אַמווייניגסטנס פופציג פּראָצענט פון דעם שטח.

הינטער דעם לאַט לויפט דורך דער "סעטערלי קריק" וואסער וואָס איז אָפיציעל באַצייכנט אַלס אַ "וועט לענד", ביי די קאַונטי, סטעיט און פעדעראַלע רעגירונגען, וואָס נעמט אַראָפּ אַמווייניגסטנס נאך 5-6 עיקערס, וואו מען וועט נישט קענען בויען.

מען האָט אַלזאָ פּרובירט צו פאַרקויפן דעם פעלערהאַפטיגן שטח פאר די אומדערהערטע סומע פון אַכצן מיליאָן דאָלער און אַרויף, נישט באַזירט אויף קיין שום זאַכליכע ציפערן אָדער פאַקטן, בלויז אויף אַ לופטיגן "הייפּ" און געטריבן דורך געלטגייציגע בראָוקערס וועמען מען האָט צוגעזאָגט ריזיגע רווחים פון מיליאָנען דאָלאַרן, אָן קיין שום לאָגישע ערקלערונג וואָס זאָל אפילו עטוואָס באַרעכטיגן אַזאַ הימלשרייענדע ציפער.

אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו בעטן, אָפּט איז דאָס מער ווי דאָפּלט וויפיל דער שטח איז באמת ווערד, נאר כדי צו אַוועקשטופּן אַנדערע בראָוקערס פון באַקומען דעם דיעל.

אַזוי מאַכט מען רייך דעם גוי צוליב אַביסל "קאָמישן", אָן זיך רעכענען מיט דעם אידישן קונה, אָן זיך רעכענען מיט אַנדערע אידישע בראָוקערס וועלכע ווילן פאַרדינען פּרנסה ביושר, און אָן זיך רעכענען מיט דעם קאָלעקטיווער געברויך פון תושבי העיר און פון די עצם שטאט אליינס.

לייִדער האָט מען מיטגעהאַלטן אין די לעצטע תקופה די זעלבע געשיכטע ביי עטליכע פיינטליכע עלעמענטן, שכינים וועלכע האָבן לאנגע יארן אָפּגעטון אַזויפיל רשעות פאר אחבנ"י בדחילו ורחימו מיטן גרעסטן אייפער אָבער אַצינד האָבן זיי פאַרדינט אומגלויבליכע ריזיגע סכומים פון אידישע געלטער, בלויז ווייל געוויסע בראָוקער האָט נישט געוואָלט צולאָזן אַז אַנדערע אידן זאלן אויך פאַרדינען געלט, און מען האָט דעריבער אָנגעטראָגן פאר די עוכרי ישראל הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן מער, וואָס דער גוי אליינס האָט נישט גע'חלומ'ט דערפון, בלויז כדי דער ספּעציפישער בראָוקער זאָל קענען זיין דער אויסשליסליכער בראָוקער.

דערמיט האָט מען בא'עולה'ט די גאַנצע געגנט, און דערמיט האָט מען גענומען מיליאָנען דאָלער אָפּגעשפארטע אידיש געלט צו רייך מאַכן שונאי ישראל, וועלכע האָבן אונז געפּייניגט פאר לאַנגע יאָרן.

## די טרויעריגע רעזולטאַטן

אָט די סאָרט "פליפערס" און אומ'יושר'דיגע בראָוקערס האָבן שוין לײדער באַוויזן צו מאַכן אומגעהויערע שאָדנס, סיי פאר יחידים, סיי פאַר'ן רבים, צוליב דעם וואָס סיי די פרייזן פון הייזער און סיי די טעקסעס ראַטע איז דורכדעם אַרויף אין דער געגנט, און די גרעסטע ווייטאָג איז אַז זייערע אומבאַרעכטיגע שריט טוט פאַקטיש בלאָקירן און אָפּהאַלטן די אויסשפרייטונגען פון די גלילות עירינו המעטירה.

גאַנץ לעצטנס האָט מען מיטגעהאַלטן וויפיל איבערמידליכע האָרעוואַניע ס'איז אַריינגעלייגט געוואָרן דורך די עסקנים פון דער "יו. דזשעי. סי.", בשליחותו ועל פי פקודתו פון כ"ק אדמו"ר מצאַנז - זמיגראַד שליט"א, צו אויפבויען די נייע "בארנס" געגנט, אַ שפּאַן אַוועק פון אונזער ווילעדזש.

די געטרייע עסקנים האָבן אינוועסטירט אין דעם פּלאַן אומצאָליגע שעות און אַרבעט. מען איז געזיצן אויף מיטינגען מיט היימישע קונים און פּאָטענציאַלע קונים, און אַסאַך אידן האָבן שוין פאַקטיש אויסגעדרוקט גרייטקייט צו קומען דאָרט וואוינען, בנוסף צו אַ חשוב'ער נחשון וועלכער האָט זיך שוין פאַקטיש אַהינגעצויגן.

איז אָבער אונטערגעקומען די פּלאָג פון די געלטגייציגע "פליפערס" וועלכע האָבן "געעפענט די אויגן" פאר אָרטיגע איינוואוינער און אויפגעטריבן די פּרייזן פון דירות צו הימלשרייענדע ציפערן.

אויב האָט מען נאָך דעם פאַרלאָפענעם מאַי און יוני למספרם געקענט קויפן רחבות'דיגע הייזער פאר אומגעפער 400 טויזנט דאָלער, האָבן געלטגייציגע פאַרשוינען אַרויפגעצויגן די פּרייזן מיט פאַנטאַסטישע צוויי הונדערט טויזנט דאָלער טייערער! זיי האָבן זיכער געמאַכט אַז הייזער ווערן פאַרקויפט פאר פּרייזן וואָס איז איינפאַך נישט ווערד די פּרייז.

עס לייגט זיך דאָך נישט אויפ'ן שכל אַז אידן זאלן דאָרט גיין וואוינען פאר אַזעלכע הויכע פּרייזן פון 600 טויזנט דאָלער און אַרויף! פאַרשטענדליך אַז ס'איז פיל שווערער אַזוי צו באַאיינפלוסן מענטשן זאלן זיין גרייט צו זיין די נחשונים לדבר מצוה.

ליידער זענען מיר עדות אַז די גאַנצע "בארנס" געגנט האָט שוין נישט געשלאָסן קיין איין קאָנטראַקט אין די פאַרלאָפענע וואָכן, אַדאַנק די "פליפערס", וועלכע זענען נישט אויסן צו העלפן אידן, נאר צו אנפולן די טאַשן מיט אידיש אָפּגעהאָרעוועטע געלט. לדאבון לב טוט מען אַזוי באַגראָבן "בידים" שווערע האָרעוואַניע, און אידיש בלוט און געלט. אַלעס ווייל מען פּרובירט צו מאַכן נאָך "עטליכע טויזנט" דאָלער אויפ'ן חשבון פון אַנדערע יחידים און פון דעם גאַנצן רבים.

און די ווייטאָגליכע פראגע איז זועק עד לב השמים: איז דען נישט דאָ געגוג אָרנטליכע ביזנעס צו מאַכן על פי דרך התורה ? איז דען אַ ספק אַז פון אַזא סאָרט ביזנעס איז נישט מעגליך צו זען קיין הצלחה און עס קען נישט דערינען אַריינקומען קיין ברכה ?

## אַ ווענדונג פון האַרצן טיפן: אל נא אחי תרעו!

זינט די גרינדונג פון דער "יו. דזשעי. סי. זענען מיר בעז"ה עוסק בכל לב ונפש אין דער הייליגער מיסיע, אַלס שלוחי הציבור, צו אַרבעטן און טון כל מה שביכלתינו, אַז אחינו בני ישראל, פון אַלע קהלות און קרייזן, החרדים לדבר ה', זאָלן קענען האָבן צוטריט צו עפאָרדעבל האַוזינג דאהי! אידישע קינדער זאָלן קענען וואוינען מיט ישוב הדעת פאר צוגענליכע הוצאות! צום גרויסן ווייטאָג ווערט אָבער די הייליגע שליחות כסדר געשטערט און אָפּגעהאַלטן צוליב אָט די איינציגע יחידים וואָס קוקן בלויז אויף זייערע שמאָלע אגענדעס!

זאָל טאַקע אונטערגעשטראָכן ווערן נאָכאַמאָל. די רעדע איז נישט פון אָרנטליכע בראָוקערס וואָס טוען זייער אַרבעט בנאמנות און באַדינען אידן מיט ישרות און אויפריכטיגקייט.

עס האַנדלט זיך פון געלטגייציגע מענטשן וואָס רעכענען זיך נישט דאָס מינדסטע מיט זייערע אידישע ברודער, וועלכע נעמען אַרויס זייער לעצט - ביסל אַוועקגעלייגטע געלט, און באָרגן זיך צוזאַמען פון ידידים, קרובים און משפחה, אַלעס כדי צו קענען טרעפן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ.

עס איז די רעדע פון אַזעלכע וועלכע רעכענען זיך נישט מיט דעם שאָדן פאַר'ן גאַנצן כלל, ווען מען באַרויבט אונזער שטאט פון אַ מעגליכקייט צו האָבן עפאָרדעבל הייזער פאר היימישע משפחות!

## אַלזאָ טוען מיר דעריבער ווידעראַמאָל אַרויסגיין מיט אַ קריטיש וויכטיגן רוף צו אידן אומעטום:

ווען איר גייט אַריין אין אַ קאָנטראַקט אויף סיי וועלכע דירה אָדער פּראַפּערטי אין דעם גאַנצן אומגעגנט

באַוואָרנט אייך, נישט אַריינצופאַלן אין אַזעלכע צווייפלהאַפטיגע טאַקטיקן דורך פליפערס און בראָוקערס, נישט צו ווערן פאַרנאַרט דורך אַזעלכע וואָס מיינען נישט אייער טובה און נישט די טובת הציבור.

מאַכט זיכער אַז איר קויפט דעם הויז אדער פּראַפּערטי "דירעקט פונעם מוכר", און אַז איר באַצאָלט נישט קיין הימלשרייענדע פּרייז בלויז צו קענען באַקומען דערפאר "נאר דעם קאָנטראַקט" און דערנאָך באזונדער באַצאָלן פאַר'ן מוכר.

מאַכט אייער קלוגע דורכגעטראַכטע "ריסוירטש" וויפיל דער פּראָפּערטי איז באמת ווערד און וואָס איז די פּאָטענציאַל דערפון. פרעגט אייך גרינטליך נאָך אַלע דעטאַלן אַרום די זאונינג, וואַסער, סוער, וועט לענדס, עלעוועישנעס, פראנטיזש, א.א.וו. דאַן זייט מחליט די ריכטיגע באַשלוס באַזירט אויף קראַנטע אינפאָרמאַציע און רעכענונגען, נישט צו זיין דערנאָך קיין צועק על העבר.

## התורה חסה על ממונם של ישראל! ביטע פאַרשפּרייט דעם מעסעדזש ווייטער!

**מיר, אינערהאַלב די יו. דזשעי. סי. און אין דער ווילעדזש, שטייען ווייטער גרייט, ווי שטענדיג, צו ענטפערן אַלע אייערע אָנפראַגעס און ספיקות בנוגע אַלע סאָרט האַוזינג אַנגעלעגנהייטן. שפּירט פריי זיך צו פאַרבינדט ווען אימער דורך טעלעפאָן אָדער אימעיל און מיר וועלן אייך פּרובירן צופרידנשטעלן בסבר פנים יפות ובתשואת חן.**

**אַ גמר חתימה טובה און אַ גוט געבענטשט יאָר**

**ובשם ה' נעשה ונצליח**

# סיני הלברשטאם

אבדק"ק

## צאנז זמיגראד

בס"ד

**על ההרי"ם אשא שלומים מרובים, כטל וכרביבים, אנשי שלומינו היקרים, תושבי עירינו בלומינגראוו המסויימים, הצמודים בקירות לבבי ותהלתם נודע בשערים, קהל עדת חסידים יראים ושלמים, בתורה ובמעשים טובים מופלגים, ה' עליהם יחיו ויפרחו כשושנים, ובכל אשר יפנו יצליחו וקרנם ירים.**

לעת תקופת השנה, הנה נא הואלתי לשאת את ברכתי ותפלתי למען אחי ורעי, כנוים קרואים שושנה, אנ"ש תושבי עירינו הישרים והנעימים, כולם אהובים וברורים, הולכים באמת ובתמים, בדרכי אבותינו ורבותינו הק' שדבריהם נאמנו מאד ולעד קיימים, כולכם תזכו לחזות בבנין שלם על ההרים הרמים, לראות וליראות ולעלות לרגל בשנה שלש פעמים.

עם כניסת השנה החדשה הבעל"ט הננו בזה לברך אתכם בברכת גמר חתימה טובה, ושיתקבלו תפלותיכם לרחמים ולרצון לפני אדון כל וימלא משאלותיכם במדה טובה ישועה ורחמים, חסד ה' יהא חופף עליכם כל הימים, ולנחת דקדושה מכל צאצאיכם זרע ברך ד' דורות ישרים ומבורכים.

**ועל עירינו המעטירה הרימותי ידי בתפלה שתשרה שכינה במעשי ידינו ונזכה הלאה להרחיב גבולי הקדושה, היכלי התורה והעבודה ובתי בני ישראל לשם ולתפארת, מתוך הרחבת הדעת ורוב שמחה ושלוה, על פי דרכו הסלולה לנו ממרן רבינו הק' זי"ע מייסד העיר, מתוך אהבה אחוה ושלום ורעות, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק, ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ.**

ובעמדינו בתפלה לפני בעל הרחמים בימים הקדושים אלו, נתנה ראש ונשובה אל ה', וממרום יקבל שועתינו ויעלה זכרונינו להשקיף עלינו ועל כל עמו ישראל השקפה לטובה, והשי"ת ירא כבר בעני עמו ומתוך צרה המציאם פדות ורווחה לסתום פי משטינינו ומקטריגינו בעת צרה נוראה שכמוה לא נהייתה רבות בשנים ה"י, בקום עלינו אויבים ורודפים מבית ומחוץ לקעקע ביצתן של ישראל, להכניס שינויים זרים בתוך חינוך בני ישראל היל"ת, ותולעת יעקב אין כחה אלא בפה, לבקש ולהתחנן מלפני שומע תפלת כל פה שלא ינוח שבט הרשע על גורל דורותינו לא יצליחו לפגוע אפי' פגיעה דקה מן הדקה בקודש הקדשים. פחודים הם מכל צרות ממחרפיהם ומלוחציהם, נא אל תעזבם ה' אלקי אבותיהם, כי אתה רב סליחות ובעל הרחמים.

תכלה שנה וקללותי', ייטיב ה' ולא יוסיף עוד לייסרה, ויסיר מעלינו כל נגע מגיפה ומחלה, יעזור ויושיע ויגן לכל הצריכים ישועה, וימהר ויחיש גאולת חבצלת השרון, שומרי מצותיו ואסירי התקוה עוד ישובון לבצרון, ויביאנו בשירה ערוכה, להר ציון ותשיב המלוכה, כי שם צוה ה' את הברכה, ונזכה עוד בזו השנה, לשמוע קול מבשר ולעלות ציון ברנה, בישועת כל ישראל ושמחתן אמן.

באעה"ח בפרוס שנת תשפ"ג לפ"ק.

המצפה לישועת ה' במהרה

הק' סיני הלברשטאם

אבדק"ק צאנז צמיגראד יע"א

## זמן שמחתינו תשפ"ג;

# בבית אלוקים נהלך ברגש!

יואל שטערן - יצחק עקשטיין

ברוכים אתם לה', און אַ גוטן ערב יום טוב, אונזערע טייערע ידידים, חברים, שכנים, עסקנים, תושבי עירינו המעטירה, עיר ואם בישראל בלומינגראוו, יצ"ו.

אָט שטייען מיר שוין ווידעראַמאָל ביים שוועל פון דעם פרייליכן יום טוב סוכות, זמן שמחתינו הבא לקראתינו לשלום, און ווען מען שטעלט זיך אָפּ אויף אַ וויילע, פּשוט צוריק טראַכטן וויאַזוי ס'איז אַריבער דאָס יאָר, הייבט זיך ווי פון זיך זעלבסט אויף די הענט מיט אַ לויב געזאַנג צום קל חי, נודה לשמו יתברך בתוך אמוני, שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה.

עס לאָזט זיך אויף אַן אמת נישט גלייבן, און ס'איז זייער שווער צו שילדערן אָדער ערקלערן פאר אידן וועלכע האָבן דאָס נישט מיטגעהאַלטן, דעם לאַנגען וועג וואָס אונזער הייליגע שטאָט איז אַריבער אויף טריט און שריט, פון פאַראַיאָר חודש תשרי ביז מען האָט ב"ה דערגרייכט דעם היי - יאָריגן זמן שמחתינו.

"נודה לך ונספר תהלתך, על ניסיך שבכל יום עמנו ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת", ווי קענען מיר אפילו גענוג דאַנקן השי"ת אויף די הימלישע הצלחה און סייעתא דשמיא וואָס האָט באַגלייט אונזער שטאט ערב בוקר וצהרים, אויף אַ טאָג טעגליכן פאַרנעם, ווען מען במשך די גאַנצע צייט באַשיינפּערליך געזען ווי אַ העכערע האַנט באַגלייט אונז, צו פאַרזיכערן דעם גאָלדענעם צוקונפט פון אַן עיר ואם בישראל, להחיות לנו לפליטה גדולה.

איר, טייערע איינוואוינער, זענט דאך די בעסטע עדות, כמה הרפתקאות דעדו עלן, וויפיל מען איז דאָ אַריבער פון אַלע אַספּעקטן, אין וויפיל שטרויכלונגען און שוועריגקייטן מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אָבער ווי וואונדערליך אַז עס אַז בכל עת תמיד, ביי יעדע געלעגנהייט און ביי יעדע געשעעניש האָט איינמאָל און נאָכאַמאָל אַרויסגעשיינט די הערליכע סייעתא דשמיא און הצלחה משמי מעל וואָס האָט באַגלייט און געטראָגן ווייטער אונזער בליענדע געגנט, וואָס איז ב"ה הולך וגדול עד כי גדול מאוד.

בלומינגראַווער אידן קענען גוט דעם באַליבטן שלאָג - וואָרט וואָס איז שגור בפה אישי הציבור זינט די ערשטע מינוט, **דער סלאָגאַן פון "ובשם ה' נעשה ונצליח", וואָס איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אַלס דער אומאָפיציעלער "טרעידמארק" פון אונזער שטאט... ווייל דאָס איז דער בלויזער אמת, אין עוד מלבדו, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים, און דאָס האָט אונז טאקע ממשות'דיג באַגלייט אויף יעדן ריר,** פון די סאַמע אָנהויב ביז'ן היינטיגן טאָג אויף יעדן טריט און שריט.

באַקאַנט ביז גאָר איז דער יסוד וואָס איז מבואר אין ספרים הק' אויף דעם וואָס מיר געפינען אין פרשת ויצא אַז ווען לאה אמינו האָט געבוירן די ערשטע שבטי קה האָט זי כסדר געבעטן אויף נאָך, אָבער ביי יהודה האָט זי געזאָגט "הפעם אודה את ה'" און דער פסוק דערציילט אַז "ותעמוד מלדת", איז מבואר אין ספה"ק אַז צוליב דעם וואָס זי האָט דאָסמאָל נישט געבעטן אויף ווייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט די השפעה, ווייל אינאיינעם מיט דעם שבח והודאה להשי"ת דארף אייביג אויך זיין דער תפלה על העתיד.

אָט דאָס איז ווירקליך די טיפע אַנערקענונג וואָס מיר אַלע, תושבי העיר, און איבערהויפּט אַלע טייערע עסקנים ושתדלני הציבור, ווייסן און שפּירן זייער גוט, אַז מיר טוען נישט גאָרנישט אַליין, אונזערע באַגרעניצטע כוחות און פאַרשטאַנד קענען גאָרנישט און פאַרשטייען נישט גאָרנישט. מיר טוען בלויז דאָס ביסל השתדלות בדרך הטבע, מיר פּרובירן צו טון דאָס ריכטיגע, און דאָס איבריגע לאָזן מיר פאר השי"ת, מיט אַ האַרציגע תפלה אַז "השי"ת יגמור בעדינו לטובה", ער זאָל אַלעם צוענדיגן אויפ'ן בעסטן שטייגער, פּונקט ווי ער האָט אונז געהאָלפן ביז אַהער מיט אַזאַ שיינקייט.

**וויפיל מען האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט זיך פּרובירט צומאָל איינרעדן אַז מען וועט ערלעדיגן, מען וועט דורכפירן, מען וועט שתדל'ן, האָט מען זייער שנעל באַקומען דעם קלאָרן מעסעזש אַז "לא בכח יגבר איש", ס'האָט נישט גאָרנישט מיט אונזערע שתדלנות און עסקנות, און דער "ממליך מלכים ולו המלוכה", ער, און בלויז ער, איז דער וואָס באַשטימט דעם אויסגאַנג פון זאַכן, כי ממך הכל ומידך נתנו לך.**

אייגנטליך איז טאַקע די הצלחה אונזער באַליבטע שטאט בלומינגראָוו אַ שטראַל פון ליכטיגקייט, אַן אָפענע הארה פון דעם אַלמעכטיגן יד ה' אין דעם גרויסן הסתר פנים פון עקבתא דמשיחא, **ווייל דאָס וויסט יעדער אַז בלומינגראוו ווערט נישט געפירט דורך קיין יחיד, עס ווערט נישט אָפּערירט דורך אַ קהלה, מוסד אָדער ראשי קהלה, בלומינגראוו איז בלתי לה' לבדו!**

אַלעם וואָס מען האָט ב"ה דערגרייכט ביז אַהער האָט גאָרנישט מיט קיין מענטשליכע כוחות, ס'איז בלויז די אָפענע השגחה פון הימל וואָס האָט באַשטימט אַז דאָ זאל נקבע ווערן אַ רואיגע הייליגע ווינקל, אַן עיר מושב מיט אַזויפיל מעלות, וואו אידישע קינדערלעך זאָלן קענען וואוינען און מגדל זיין ליכטיגע אידישע שטיבער מיט אַ ישוב הדעת ומנוחת הנפש, ביז משיח'ס טאָג במהרה.

## וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם

געוויס איז אָבער גלייכצייטיג פאַרהאַן דער חיוב פון אמת'ע הכרת הטוב, להביע רננות בעד מפעלם, פון די אַלע טייערע אידן, געטרייע און העראָאישע עסקנים חשובים תושבי עירינו, וגם לרבות די חשוב'ע נשים צדקניות תחי', וועלכע זענען שטענדיג גרייט

צו העלפן צרכי העיר, מיט אַזא נאָבעלע כח העסקנות וואָס האָט וואַרשיינליך נישט זיינס גלייכן אין קיין שום אַנדערע געגנט.

ס'איז גענוג בלויז צו דערמאַנען **דעם סוקסעספולן וואַלן אויסגאַנג פאר טאון קאונסילמאן דעם פארגאנגענעם חודש חשון העעל"ט**, דאָס זעלבע אַלע אַנדערע מצבים וואָס מען איז אַריבער אינאיינעם, וואָס ס'איז נישט קיין צווייפל אַז בלויז דורך דעם כח האחדות, און דעם שטוינענדן כח פון די געטרייע עסקנים, כל אחד בשמו הטוב יבורך, האָט מען דערגרייכט אַזאַ הצלחה העכער אַלע ערוואַרטונגען, ווען יעדער אַרבעט אינאיינעם, מען זאָרגט זיך איינער פארן אַנדערן און מען העלפט זיך אַרויס ווי גוטע ברודער, וואָס ברענגט טאַקע די געוואונטשענע רעזולטאַטן.

זאל טאַקע באַטאָנט ווערן די חידוש'דיגע קאָנצעפּט וואָס בלומינגראוו האָט אימפּלעמענטירט, דער אור - אַלטער כלל פון שלמה המלך ע"ה אין קהלת: "דברי חכמים בנחת נשמעים"... אין בלומינגראוו ווייסט מען אז אנשטאט זיך אפצורעדן, טוט מען זיך צונויפרעדן... ביי יעדע געלעגנהייט רעדט מען זיך דורך מיט'ן ציבור, מען הערט אַלע מיינונגען, און יעדער עסקן האָט אַ וואָרט און אַ דעצידירנדע מיינונג. דאָס איז טאַקע די שיינקייט און פראַכט פון דער שטאָט אז אויך אויב מען האָט אַנדערע דעות, ווערט אַלעס דורכגעפירט בעצה ותושי', בהשכל ובדעת. אויך ווען מען איז איז מסכים צו האַלטן אַנדערש, הערשט ווייטער דער פרידליכער "שמוע בין אחיכם" ותשועה ברוב יועץ.

אַ באַזונדערע חידוש אין בלומינגראוו איז דער פאַקטאָר אַז טראָצדעם וואָס די שטאָט איז מערסטנס באַוואוינט מיט אינגעלייט, וועלכע האָבן נאָך ווייניג ערפאַרונג ווען עס קומט צו דעם געביט פון שתדלנות, איבערהויפּט ווען ס'האַנדלט זיך איבער צרכי ציבור און כלל ענינים, זעהט מען אָבער די באַזונדערע סייעתא דשמיא וואָס באַגלייט די פּעולות לטובה, וואָס טוט ב"ה איבערראַשן אפילו לאַנג - יעריגע שתדלנים און עקספערטן וועלכע באַוואונדערן וויאַזוי אַזאַ יונגע שטאט האָט אַזוי שנעל דערגרייכט דעם ריכטיגן מהלך און אופן ההשתדלות מיט אַזא גלענצענדע ערפאָלג.

דאָס האָבן מיר לעצטנס געהערט פון דעם באַרימטן לאַנג-יעריגן כלל - עסקן, הרה"ח רבי משה דוד ניעדערמאן שליט"א, וועלכער האָט מיטגעהאַלטן פאַראַיאָר די עסקנות און די מהלכים בנוגע דעם שוין יעצט וועטאאירטן "פרעזערוועישן טעקס ביל" דורך דעם גאווערנאר.

ר' משה דוד האָט דאַן אויסגעדרוקט זיין אויסטערלישע התפעלות אויף דעם מהלך וויאַזוי עס פירט זיך דער כח העסקנות דאָ אין שטאָט, באַטאָנענדיג אַז דאָס וועט בלי ספק דינען ווי אַ מוסטער פאַר'ן גאַנצן היימישן ציבור איבער גרעיטאָר ניו יאָרק און אומעטום, וויאַזוי מען קען אַזוי שיין אַהערשטעלן אַ פאַראייניגטע אחדות'דיגע שטימונג, צו אַרבעטן אינאיינעם מיט אַזויפיל פאַרשטענדעניש און באַזעסנקייט.

והאמת ניתן להאמר, אַז דאָס הערט מען כסדר פון די פרישע איינוואוינער, וועלכע ציען זיך אַריין קיין בלומינגראוו, און וואונדערן זיך אָפּן: "ואמרת בלבבך מי יולד לי את אלה", וויאַזוי קען דאָס זיין אַז ס'איז אַ פאַרהעלטנסמעסיגע נייע שטאט, אָבער מען ווייסט אַז ביי יעדע פּראָבלעם איז דאָ אן אדרעסע וואו מען קען זיך ווענדן; **וויאַזוי איז מעגליך אז אזא יונגע אדמיניסטראציע זאל קענען דורכשטופן א ווילעדזש בוזשעט אין איר ערשטע יאר אָן העכערן די טעקסעס אפילו מיט איין רויטן צענט טראָץ די הימל שרייענדע אינפלאציע?** וויאַזוי ווערט יעדע טעמע און ציבורישער הצטרכות באַהאַנדלט מיט אַזאַ עקספּערטיז און געטריישאַפט; מהיכן ירק זה חי, וויאַזוי האָט דאָס פּאַסירט ?

אָבער דער איינפאַכער ענטפער ווייסן מיר אַלע: **ס'איז דער הערליכער כח האחדות, ס'איז די אויסשליסליכע קרעדיט פון די טייערע עסקנים, פון אַלע קהלות און פון אַלע געגנטער דאָ אין שטאָט.** וואָס יעדעס מאָל ווען מען האָט אונז געוואָלט צעטיילן אָדער צעברעכן חלילה, האָט דאָס נאָכמער אונז פאַראייניגט. **מיר זענען אַלע געווען קלאָר מיט די החלטה אַז מיר וועלן זיך נישט לאָזן געשטערט ווערן צוליב חילוקי דעות און זייטיגע חשבונות, מיר וועלן גיין קעגן דעם שטראָם, בלומינגראוו סטיל, און בלויז פאָקוסירן אויף דעם תכלית הנרצה, מיט שכל און פאַרשטאַנד, ונמצא חן בעיני אלקים ואדם.**

הוד והדר פעלם וצדקתם עומדת לעד! מיר אַלע זענען מלא הכרת הטוב פאַר אייך אַלע, טייערע עסקנים, כל אחד בשמו הטוב יבורך, יעדער וואָס האָט נאָר אַמאָל צוגעלייגט אַ פּלייצע פאר די הצלחת העיר ותועלת בני העיר, על הנגלות ועל הנסתרות, על הנזכרות ועל הנשכחות, איר אַלע זענט אַ גלייכע חלק אין דער קאָלעקטיווער בילד פון דער שיינענדיגער הצלחה וואָס איז קענטיג אין יעדן ווינקל, מיט אייער הילף וועט אונזער שטאט ווייטער ממשיך זיין להרבות חיל, כה יתן ה' וכה יוסיף.

# לפני מלכים ורוזנים יתייצבו

ובמיוחד איז עס אַצינד דער זמן גרמא צו באַדאַנקן בשער בת רבים פאר די אישי הציבור, לעגענדאַרע עסקני ושתדלני היהדות החרדית, וועלכע זענען גרייט בכל עת מצוא צו שטיין צוהילף פאר דאָס בלומינגראווער אידנטום, בעצה ובפעולה, מיט אַזויפיל געטריישאַפט און באַגלייטונג, לא יאומן כי יסופר.

ובכן יבוא על הברכה, לשבח ולתהלה, הרבני החסיד המרומם עושה גדולות למען כל קדשי ישראל, מו"ה משה דוד נידערמאן שליט"א, פּרעזידענט פון דער יו. דזשעי. או. אין וויליאַמסבורג; וואָס איז עושה ומעשה דורכאויס די גאַנצע צייט, מיט ווייטגרייכענדע פּעולות חובקות און שתדלנות, ביודעים ובלא יודעים, ביי די סאַמע העכסטע פענסטער און רעגירונג אינסטאַנצן, פאר דער הצלחה פון אונזער שטאט.

דאָס זעלבע זענען מיר שולדיג אַ האַרציגן יישר כח מעומק הלב פאר הרבני מו"ה אהרן בנציון ווידער הי"ו, לעגיסלאַטור פון ראַקלענד קאַונטי, וואָס מיט זיין וואַרעם אידיש האַרץ איז ער שטענדיג גרייט, מוכן ומזומן, צו אַרויסהעלפן מיט אַלעם וואָס איז שייך אויפ'ן פּאָליטישן פראָנט, טרם יקראו והוא נענה, צו פאַרזיכערן די רעכטן פון אידישע קינדער אין דער געגנט.

און אַ ברכת הכרת הטוב מיוחדת פאר הרבני מו"ה חיים דוד צוויבל הי"ו ועתו עמו מו"ה ירוחם זילבער הי"ו, מיטגלידער אינערהאַלב די "אגודת ישראל" דאַמעריקע, וואָס באַגלייט בפועל אַזויפיל פּעולות לטובת הכלל והפרט בתוככי עירינו, מיט וויכטיגע שתדלנות למען תועלת בני העיר.

**איבערהויפּט זאל באַגריסט ווערן די פולע לייסטונגען פון די אויבנדערמאַנטע עסקנים החשובים הע"י, אינאיינעם מיט אַנדערע חשוב'ע אידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געווען אינסטרומענטאל מיט העפטיגע אינטערווענץ צו אָפּשרייען די הימל - שרייענדע פאַרברעך פון דעם א.ג. "פרעזערוועישאן טעקס" וואָס האט געזאָלט דורכגעפירט ווערן במרמה דורך דעם טאַון, און**

**וואלט שאדן געמאכט מיליאנען אידישע דאלארן אינעם לאנגן טערמין, און איז בסייעתא דשמיא וועטאָאירט געוואָרן דורך דעם גאווערנאר יר"ה אדאנק די אימערמידליכע אינטערוועניץ פון די אויבנדערמאנטע חשובע עסקנים.**

ס'איז באמת אַ הערליכע ערשיינונג וויאזוי אידן פון אַנדערע געגנטער, וועלכע האָבן נישט קיין שום פערזענליכע אינטערעסן אינערהאלב בלומינגראוו, לייגן אַריין אַזויפיל הארץ און געפיל צו העלפן די געגנט, זעהנדיג ווי אונזער שטאט איז ב"ה אַ מוסטער פון אחדות, פון אהבה ושלום ורעות, און עסקנות לשם שמים.

ישלם ה' פעלם ותהי משכורתם שלמה מעם ה' אלקי ישראל!

## דאָס יאָר תשפ"ב פון אַ בלומינגראווער קוק ווינקל...

ס'איז באַקאַנט די געשיכטע וואָס חז"ל דערציילן אונז פרקי אבות פרק ו' אַז רבי יוסי בן קסמא איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג און ער האָט אָנגעטראָפן אַ מענטש וואָס האָט אים געגעבן שלום, רבי יוסי האָט אים צוריקגעגעבן שלום און יענער האָט אים געפרעגט "רבי מאיזה מקום אתה", פון וועלכע שטאט קומסטו, האָט אים ר' יוסי געענטפערט: "אמרתי לו, מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני".

ווי צוגעפאַסט זענען די ווערטער צו אונזער באַליבטע שטאט, וואָס איז ווירקליך אויסגעשטיגן ב"ה אַלס דער ריכטיגער "עיר גדולה של חכמים ושל סופרים", אַ שטאָט מלא חן ונועם, אָנגעפולט מיט תלמידי חכמים און בעלי בתים חשובים, אברכים יקרים, כולם אהובים כולם ברורים, מיט אַזאַ שיינקייט און קאָלירפולע געשטעל.

טאַקע בלויז אין די לעצטע 13 חדשים, פון פאַראַיאָר ביז היינט, איז נאָכמער נתאמת געוואָרן דער "מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני", **ווען דער כח הקדושה אין אונזער שטאט איז ב"ה געוואַקסן עשרת מונים, מיט די ערעפענונג פון די לעכטיגע ישיבות קטנות און ישיבות גדולות און תלמידי תורה ובתי חינוך לבנים ולבנות וועלכע האָבן זיך קובע געווען בתוכינו.** דאָס זעלבע האָבן מיר זוכה געווען אַז שיינע תלמידי חכמים און מורי הוראה האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט, איבערהויפט מיט **דער אויפנאַמע פון חשוב'ע רבנים ודיינים אינערהאלב ק"ק סאטמאר און ק"ק פוזנא וועלכע האָבן אַריינגעברענגט אַ פרישן כח התורה אין דער גאַנצער געגנט.**

אין אַלגעמיין האָט "בלומינגראוו" זיך קונה שם געווען אַלס דער הערליכער עיר מושב, וואו יעדער **היימישער איד טרעפט זיך דאָס פּלאַץ מיט אַזאַ באַקוועמליכקייט.** די שטאָט איז אַ פולקאָמע כלליות פון אַלע סאָרט שיכטן, בעל הבית'שע אידן, געניטע ביזנעסלייט, ערליכע אַרבעטער הנהנים מיגיע כפם, בני עלי', און יושבי אהל, אַלע שפירן זיך דאָ באַקוועם און אויפ'ן ריכטיגן אָרט, **זייענדיג אַ מקום מיט אַן אייגנאַרטיגע געמיש פון אַן אמת'ע עיר מלאה חכמים וסופרים, אידן בעלי דעת מיט אַ שכל הישר וואָס ווילן לעבן אַ חיים של ישוב הדעת ומנוחת הנפש.**

## תיבו בצלא דמהמנותא

ווי פּאַסיג איז דער אויסדרוק **"בבית אלקים נהלך ברגש"** ווען מען קוקט מיט אַ בליק אויף צוריק, אויף די אומגלויבליכע הרחבת גבולי הקדושה ברוחניות וואָס אונזער שטאט האָט מיטגעלעבט דאָס יאָר העעל"ט.

די גאַסן פון בלומינגראוו זענען ב"ה נשתנה צורה געוואָרן! **עס בויען זיך פון אַלע זייטן ריזיגע צענטערן פון תורה און תפלה אויף אַ היסטאָרישן פּאַרנעם ווי קיינמאָל בעפאָר! ריזיגע סטרוקטורן פון בתי מדרשים, בתי חינוך לבנים ולבנות, ישיבות קדושות, א.א.וו.**

מען האָט דאָס יאָר זוכה געווען צו מיטהאַלטן דער "חנוכת הבית" פון דער נייער וויזניצער בנין הישיבה גדולה כלול בהדרה; מען האָט דאָס יאָר זוכה געווען אַז **פילע בתי מדרשים אין אַלע דריי געגנטער האָבן בשעה טובה אָנגעהויבן גרעסערע און קלענערע רענאָוואַציע פּראָיעקטן לנצח על מלאכת בית ה'!**

איבערהויפט האָט מען דאָס יאָר זוכה געווען צו בייוואוינען די **ריזיגע אונטערנעמונגען שע"י קהלות הקדושות יטב לב ד'סאַטמאַר, וועלכע זענען אַריין אין קאָנטראַקט און זענען שוין אַקטיוו אין שוואונג פון בויען מאַסיווע בנינים אדירים לה' ולתורתו,** און אַלעם מיט אַ קעגנזייטיגע פאַרשטענדעניש פון אַלע קהלות און צדדים, ווען יעדער העלפט זיך אַרויס איינער דעם אַנדערן מיט אַזאַ אהבה אחוה ורעות צום שטוינען. דאָס איז אין צוגאַב צו די פילע מוסדות התורה, ת"ת און בתי חינוך לבנות, וועלכע האָבן זיך איינקוואַרטירט צווישן די גרעניצן פון דעם ווילעדזש.

**אידישקייט און רוחניות שפרידלט אין בלומינגראוו אויף אַ טעמפּאָ וואָס האָט נישט זיינס גלייכן!**

עס איז גענוג צו דערמאָנען די שטוינענדע מציאות של קיימא, אַז צום קומענדיגן ווינטער זמן, שנת תשפ"ג הבעל"ט, וועלן זיך דאָ אין שטאָט עפענען די טויערן פון **10 פּרעכטיגע ישיבות קדושות! סיי היימישע חסידי'שע ישיבות און סיי פון די ישיבה'שע קרייזן, וואו אַריבער 500! בחורי חמד בליעה"ר, וועלן פאַרשיינען מיט זייער תורה אונזער שטאט!** די אַלע ישיבות האָבן זיך באַנוצט מיט די האַרציגע אינטערוועניץ און שתדלנות פון די געטרייע עסקני יו. דזשעי. סי. וועלכע זענען געשטאַנען צו דער האַנט אַז ס'זאָל טאַקע קענען צושטאַנד קומען דער **"ותזכינו לישב ימים רבים על אדמת קודש בעבודתך וביראתך!"**

## לכו והתפרנסו זה מזה!

אַצינד, ווען מיר האָבן ב"ה דערלעבט אַז די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע ווערט געפירט אַזוי שיין אונטער אַ סימפּאַטישע היימישע ווירטשאַפט, ברענגט דאָס טאַקע מיט זיך אַ פלייץ פון פרישע געלעגנהייטן פאַר היימישע אינגעלייט, אַרבעט געבער און אַרבעטער, ביזנעסער און געשעפטן, זיך צו מפרנס זיין איינער פון דעם צווייטן, דורך קויפן און האנדלען בלויז פון אידישע ברודער.

ס'איז טאַקע אַ דערפרישנדע און דערקוויקענדע בילד ווען מען פאָרט אַריבער יעדע נייע "קאָנסטראַקשאַן סייט" דאָ אין געגנט, און עס שרייט זיך אויס פון ווי זיך אַליינס: "אהו! נאָך אַ בלומינגראווער איד האָט שיין פרנסה". היימישע אינגעלייט, תושבי העיר פאַרפּינן איבער די פלעניניג, דאָס גיסן די קאָנקריט, די פרעימינג, און אַלע אַנדערע בוי מאַטריאַל און דעטאַלן. ווען יעדער שפירט דאָס אחריות זיך צו אַרויסהעלפן איינער דעם אַנדערן, וואָס דערמיט שטיצט מען אייגנטליך בלויז זיך אַליינס.

**אין די לעצטע תקופה האָט זיך ווירקליך געשאַפן דער קאָנצעפּט וואָס רעדט פאַר זיך אַליינס, דער מציאות פון**

"**מעיד אין בלומינגראוו**"... ווען אידן שטיצן די לאָקאַלע עקאָנאָמיע און מען פּרובירט זיכער מאַכן אַז ווען מען גיט סיוווי אוים געלט פאר די געברויכן זאָל עס כאָטש זיין פאַר תושבי העיר. אנשטאט מען זאל געבן דאָס געלט פאר פסח אויף קמחא דפסחא, און פאר סוכות אויף צורכי יום טוב, זאָל מען עס געבן דורכאוים דאָס יאָר מיט'ן גרעסטן דרך כבוד, ובסבר פנים יפות.

לאָמיר טאַקע אינאיינעם ווייטער אָנהאַלטן אָט די שיינע איינפיר, סיי ווען א איד וויל טוהן א געשעפט, מען וויל איינקויפן א פראדוקט, באשטעלן א סערוויס, זאל מען שטיצן די לאקאלע ביזנעסלייט און העלפן די לאקאלע עקאנאמיע, ארויסגעבן ארבעט איינער פאר'ן אנדערן, קויפן פראדוקטן און סערוויסעם איינער ביים אנדערן, **עס זאָל זיין ריכטיג "מעיד אין בלומינגראוו", אַזוי אַרום אַז אין צוגאָב צו אַן "עיר מלאה חכמים וסופרים" זאָל אויך זיין "תורה וגדולה במקום אחד", מיט אייגענע פּרנסות און אייגענע לאָקאַלע בעלי יכולת, הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה.**

## דער אומגלויבליכער "כח הצדקה" אין דעם רבי'נס שטאט

צווישן סאַטמאַרער חסידים איז באַקאַנט דאָס ווערטל וואָס רבינו הק' זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט ביי אַ דינער אין די בראשית יאָרן, אַז דערפאַר רופט מען אין אַמעריקע אַ מסיבה לטובת צדקה מיט'ן נאָמען "דינער", ווייל דער חילוק צווישן אַ "בליץ" מיט אַ "דינער" איז אַז אַ בליץ זעט מען בחוש, אָבער אַ דינער הערט מען בלויז אָן קיין פּאַקטישע ראי'.

בדרך צחות האָט דער רבי באַטאָנט אַז אויב דער דינער ענדיגט זיך בלויז מיט די גרויסע הבטחות וואָס מען לאָזט זיך אויסרופן דערביי, דאַן איז טאַקע פּאַסיג דער נאָמען "דינער" דערפאַר. ס'איז דעריבער וויכטיג אַז פונעם "דינער" זאל ווערן אַ "בליץ", פון די אַלע הבטחות זאָל מען עפּעס זען אויך ממשיות'דיג...

איבער דעם אויסטערלישן כח הצדקה וואָס רבינו הק' זי"ע האָט איינגעפלאַנצט בקרב עדת צאן מרעיתו ווערט פאַרציילט אַז דער ראש הקהל פון אַ געוויסע חשוב'ע קהלה אין וויליאמסבורג האָט אַמאָל זיך געוואונדערט אין אַ שמועס מיט הרה"ח ר' סענדר דייטש ע"ה, וויאַזוי קען דאָס זיין אַז סאַטמאַר טרייבט אויף אַזויפיל געלט ביי די דינערס פאר זייערע מוסדות אין דער צייט וואָס זיין קהלה מוטשט זיך זייער ביי יעדן דינער.

יענער ראש הקהל האָט נאָכמער אויסגעדרוקט זיין פּלא, אַז ביי זייער קהלה איז איינגעפירט אַז שוין וואָכן בעפאָר דעם יערליכן דינער ווערט שוין פאַרבאָטן צו אָפּהאַלטן קיינע אַפּיעלס און קיין צדקה קאַמפּיינען פאר קיין שום אַנדערע צוועק, כדי דער ציבור זאָל זיין גרייט מיט פולע טאַשן צום דינער, אָבער דערווייל ענדיגט זיך עס קיינמאָל נישט מיט קיין גרויסע השגות.

ווידעראום אין סאַטמאַר קען יעדער משולח, יעדע מוסד, און יעדער נצרך, מאַכן אַפּיעלס און אַרומגיין נאָך צדקה אַלע וואָכן בעפאָר דעם דינער, אָבער דאָס שאָדט בכלל נישט פאר די שיינע נדבות. אויף אַזוי ווייט אַז אין דעם זעלבן טאָג ביי שחרית, מנחה, מעריב, קען נאָך פּאָרקומען אין ביהמ"ד צדקה קאַמפּיינען פאר אַנדערע מוסדות, און ביינאַכט ווען ס'קומט צום דינער פון די מוסדות "דינערט" עס טאַקע מיט אַלע מפרשים, און דער ציבור רופט זיך אן וואַרעם.

ר' סענדר האָט אים דערויף פּאַסיג געענטפערט אַז טאַקע "הוא הנותנת"! אָט דאָס האָט אונז רבינו הק' אויסגעלערנט אַז ווען אַ איד גיט צדקה ברענגט דאָס אַ השפּעה סיי בגשמיות, צו האָבן אַ גרעסערע שפע, און אויך ברוחניות, אַז מען וויל געבן נאָכאמאל און נאָכאַמאָל! יעדעס מאָל וואָס מען גיט צדקה איז דאָס משפּיע אַז מען זאָל באַלד געבן ווידעראַמאָל, וחוזר חלילה, אַזוי אַז דאָס איז טאַקע די בעסטע הכנה צום דינער, ווען אידן טיילן צדקה מיט אַ ברייטע האַנט.

**ווען מיר קוקן צוריק אויפ'ן פאַרלאָפענעם יאָר דאָ אין בלומינגראוו, קענען מיר ב"ה רואיג באַשטעטיגן אַז פון דעם "דינער" איז געוואָרן אַ "בליץ"... די סכומים וואָס זענען אויסגעטיילט געוואָרן דאָ אין שטאָט פאר גמילת חסדים און צרכי רבים זענען איינפאַך לא יאומן כי יסופּר!**

צו די הייליגע טעג, ימי הרחמים והרצון תשפ"ג, קומט בלומינגראוו אַריין מיט אַ גרויסן דינער אין הימל! ווען מיט אַן אויבערפלעכליכן בליק **איז בלויז אין דאָס לעצטע יאָר פאַרטיילט געוואָרן בתוככי עירינו אַריבער איינס און א האלב מיליאָן דאָלער פאר צדקה וחסד!**

דאָס רעכנט אַריין דאָס אויפשטעלן דעם מהודר'דיגן "**עירוב רבינו יואל**", וואָס האָט אַריינגעצויגן אין הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן;

און באַזונדער דארף ארויסגעברענגט ווערן מיט גאלדענע אותיות די אַסטראָנאָמישע סכומים וואָס זענען פאַרטיילט געוואָרן דורך די באַרימטע "**קופּת עירינו**", **אין די לעצטע פיר ימים טובים, קרוב צו 400,000 דאללער**, די פאנטאסטישע סכום איז געשאפן געווארן אונטער די געטרייע פירערשאַפט פון די עסקנים פון יו. דזשעי. סי. אין שפּיץ פון הרבני החסיד כהן שדעתו יפה הרה"ח ר' **אברהם משה הכהן ווייס שליט"א דעפּיוטי מעיאר** ואתו עמו העסקן החשוב והדגול **מו"ה יצחק פעלדמאַן הי"ו טראָסטי בעירינו**;

דאָס רעכנט אַריין די פילע מסיבות צדקה וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין שטיבער פון תושבי עירינו פאר אַלע ערליי צוועקן און מוסדות התורה; דאָס רעכנט אַריין די יערליכע סכומים וואָס ווערט פאַרטיילט מדי חודש בחדשו דורך דעם "קרן רבינו יואל" פאר די מוסדות הק' על טהרת הקודש אין ארה"ק; און דאָס רעכנט אַריין די פילע פּריוואַטע צדקות פאר נצרכים, אלמנות יתומים, חלוקות א.א.וו.

**צדק ואמת יקדמו פניך!** אַזאַ הערליכע ציפער, ווען אַזאַ יונגע שטאט פאַרטיילט סכומים פון אַריבער אַ מיליאָן דאָלער, דאָס איז זיכער אַ געוואַלדיגע מליצה ישרה בשמי מעל, אַראָפּצוברענגען פאר אונזער שטאט אַלע השפעות טובות, ווי די הבטחה **פון רבינו הק' זי"ע "איך וועל מיך מאַכן מיינע אייגענע עשירים", מיט אַ בליענדע לאָקאַלע עקאָנאָמיע, ברכת ה' היא תעשיר ובחנוני נא בזאת!**

## אַ יאָר פון אויפבליה! די היסטאָרישע זאָנינג טויש להחיות לנו לפליטה גדולה

ועל כולם יתברך, אין שפּיץ פון די פּאָזיטיווע אקטיוועטעטן פאַר'ן כלל און פאַר'ן פּרט, וועט דאָס פאַרלאָפענע יאָר, תשפ"ב העעל"ט, זיכער געדענקט ווערן אַלס **דאָס יאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע גאָלדענע עפּאָכע אין דער היסטאָריע פון אונזער עיר ואם בישראל**, מיט דעם **היסטאָרישן און אַזוי לאַנג - ערוואַרטעטן זאָנינג טויש** וואָס איר מאַכטפולע און גינסטיגע רעזולטאַטן וועט זיך בלי ספק שפּירן אויף לאַנגע לאַנגע יאָרן, מיד ולדורות.

ב"ה אַז דער קאָמפּליצירטער טויש אין זאָנינג איז שוין פּאַקטיש דורכגעפירט געוואָרן בהשכל ודעת, מיט אַ שטוינענדע

שכל הישר, בצדק וביושר, סיי פון א ציבור'ישער קוק ווינקל, און סיי פאר'ן יחיד, אַז יעדער איינוואוינער בעבר בהוה ובעתיד זאָל זיין העכסט צופרידן,מען זאָל קענען בויען רחבות'דיגע האַוזינג אין די היימישע געגנטער, אָבער גלייכצייטיג זאָל עס זיין מיט די מאַקסימום אחריות און צוגענליכקייט.

פון אַלעמען האָט מען צוריקגעהערט דאָס התפעלות וויאַזוי דער געניטער זאָונינג טויש איז איינגעשטעלט געוואָרן מיט אַזויפיל פאַרשטאַנד און געוויכט צו אָנהאַלטן דעם נאָבעלן כאַראַקטער פון דער געגנט, וואָס מיר אַלע האָבן אַזוי הנאה דערפון און מיר ווילן עס אָנהאַלטן פאר יעדן פרייז, **אַז דער שטאָט זאל פאַרבלייבן אַ רואיגע שיינע געגנט, מיט אַ מענטשליכע אידישע כאַראַקטער, ווי דער פסוק זאָגט "מה טובו אוהלך יעקב - שראה פתחיהם שאינן מכונין זה מול זה", מיט די גדרי הצניעות און גדרי הנימוס, וואו אידישע קינדער דאַרפן וואוינען.**

אָבער נישט בלויז אויף דעם פראָנט פון "זאָונינג" וועט דאָס יאָר תשפ"ב אָפּגעצייכנט ווערן לשבח ולתהלה, נאר אויף די גאַנצע ברענענדיגע טעמע פון "האַוזינג" דאָ אין שטאָט וואָס איז דאָס יאָר אַריבער אַ פריידיגע ווענדפונקט, ווען במשך די פאַרלאָפענע 13 חדשים איז אַריינגעלייגט געוואָרן אומגלויבליכע כוחות צו ברענגען אַ שפע פון צוגענליכע האַוזינג פאַר אידישע קינדער, אַריינגערעכנט די אַנאָנסירונג און די פעולות חובקות צו אויסברייטערן **די "בארנס" געגנט, די "מאפעט רידזש" געגנט**, א.א.וו. וואָס מען האָט געשטופּט און אינוועסטירט דערינען הונדערטער שעות, מיט איין איינציגע וויזיע פאַר די אויגן אַז: **"אונזער שטאט זאל וואַקסן אין דער ברייט, אַנשטאָט אין דער הייעך!"**

אונזערע שליחי הציבור ועסקני העיר האָבן דאָס יאָר גלייכצייטיג אויסגענוצט צו מוטיגן און פאָקוסירן מיט אַלע קרעפטן אויף פרישע ריזיגע פּראָיעקטן און דעוועלאָפּמענטס צו ברענגען אַ הרוחה פאר אידן. צווישן אַנדערע פראָגרעסירט די פאָרשריט ביים **ריזיגן "דברי חיים" דעוועלאָפמענט**, וואָס וועט בעז"ה אַהערשטעלן אַ סופליי פון הונדערטער דירות. אַזוי אויך קומען שוין אַצינד אַרויף די ערשטע 24 דירות ביי **דער "סאַוט גראָוו" דעוועלאָפמענט** אויפ'ן 208 רד. וואָס וועט בעז"ה זיין אַ גוטער אָנהויב פון דער נייער דירות עפּאָכע אין שטאָט.

מיר קענען מעיד זיין בפה מלא אַז במשך דאָס גאַנצע יאָר איז נישט פאַראיבער קיין וואך! וואָס די ווילעדזש באַאַמטע, און אונזערע יו. דזשעי. סי. עסקני הכלל, זענען נישט געזיצן אינאיינעם מיט אונטערנעמער און דעוועלאָפּער פון גרעסערע און קלענערע פּראָיעקטן, צו פאַרזיכערן אַז די הרחבת גבולי העיר קען טאַקע פאָראויסגיין. עס זאָל זיין אַ סופליי פון דירות, צוגענליך און רחבות'דיג.

זאל טאַקע אויך דערמאַנט ווערן די איבערמידליכע שתדלנות וואָס איז אינוועסטירט געוואָרן צו ערמעגליכן די **פריידיגע אויפבוי פון דעם פרעכטיגן "פעפערמינט" סופערמאַרקעט**, טראָץ די אומגעהויערע שטרויכלונגען פון אַלע זייטן. די עסקני העיר האָבן געטון אַלעם אין זייער מעגליכקייט אַז דער סופערמאַרקעט זאָל זיך טאַקע עפענען אין די קומענדיגע נאָענטע טעג, צו די דערלייכטערונג און באַקוועמליכקייט פון תושבי העיר. דאָס וועט ענדליך ברענגען אַזאַ וויכטיגע סערוויס פאר אונזער שטאט **און וועט איינשפּאָרן פאַר'ן ציבור קאָלעקטיוו הונדערטער שעות פון זיצן אויף די אָנגעלייגטע ראָודס אַריין און אַרויס פון קרית יואל, כי למחי' שלחנו, להחיות נפש כל חי, אַז די שטאָט זאָל זיך טאַקע בויען אויף אַלע פראָנטן!**

אָט די פילע באַמיאונגען פאר האַוזינג און הרחבת גבולי העיר, זעצט ווייטער פאר לקראת דעם נייעם יאָר הבעל"ט, מיט'ן גרעסטן אחריות און כובד ראש, פאר די טובה פון אונז אַלעמען, און מיט די האָפענונג וואָס מיר זאָגן אין די יעצטיגע טעג אין דעם קאַפיטל פון לדוד: "הורינו ה' דרכך ונחני באורח מישור למען שוררי", עס זאָל זיך טאַקע אַלעם פירן באורח מישור, אויפ'ן ריכטיגן וועג פאַר'ן תכלית הנרצה, ותקננו בעצה טובה מלפניך והסר שטן מלפנינו ומאחרינו, עס זאלן נישט זיין קיין מכשולות, נישט פון אינדרויסן און נישט פון אינעווייניג און נישט פון די זייטן, ונמצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם.

## ופרוס עלינו סוכת רחמים וחיים ושלום

אריינטרעדיג אין דעם פרייליכן יום טוב, וואס וועט דאס יאר געפראוועט מיט א דאפלטע דאָזע פון שמחה וצהלה ביי אין שטאט, הייבט זיך אויף די הענט צום הימל מיט א געבעט צו השי"ת: "רבוש"ע, האסט אונז געהאלפן און באגלייט ביז יעצט מיט אזויפיל סייעתא דשמיא, מיר בעטן דיר, הייליגער באשעפער, גיב אונז ווייטער כח, געזונט און דעם ריכטיגן ישוב הדעת, ותקנינו בעצה טוב מלפניך, צו ממשיך זיין מיט דער גרויסער און שווערער ארבעט, וואס הייבט זיך אייגנטליך הערשט יעצט אן"...

מיר אלע, תושבי בלומינגראוו, קוקן ארויס בעינים צופיות אז מען זאל טאקע קענען מקיים זיין דעם "**ימין ושמאל תפרוצו ואת ה' תעריצו**", ביז מען וועט זוכה זיין צו דעם "**ונבנתה עיר על תילה**", צו מרחיב זיין די גבולי הקדושה ולנצח על מלאכת בית ה', "**על מי מנוחות ינהלנו, ינחני במעגלי צדק למען שמו**", מען זאל ריכטיג קענען ארויסהעלפן און אויפטון פאר'ן ציבור, פאר'ן יחיד, פאר'ן כלל און פאר'ן פרט.

דערביי רייסט זיך ארויס א תפלה, **היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל**, פאר די געטרייע שלוחי הציבור, אונזערע אחריות'דיגע טראָסטיס, אונזערע פלענינג באָורד מעמבער, און אונזערע זאונינג באָורד מעמבער, וועלכע גיבן זיך אזויפיל אוועק פון זייער צייט און קאפ און מוח, מיטצוארבעטן און צו ערגענצן דעם גאנצן בילד דא, אז די זאך זאל פארן, און זאכן זאלן גיין אויפ'ן ריכטיגן וועג, **כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך**, די הצלחה און סייעתא דשמיא זאל אונז און זיי ווייטער באגלייטן, צו זיין די ריכטיגע שלוחים לטובת עמך בית ישראל אשר צרכיו מרובין. עס זאל נתרבה געווארן דער כבוד שמים על ידם און נישט חלילה ארויסקומען קיין שום מכשול וטעות, ילכו מחיל אל חיל לרומם קרן התורה והעיר לשם ולתהלה.

זאלן מיר שוין בקרוב זוכה זיין צו דער גרויסער ישועה, ווען ס'וועט זיין "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל", ווען ס'איז דאך נישט קיין צווייפל, אז אונזער גאנצער הייליגער שטאט בלומינגראוו, מיט אירע הערליכע בתי מדרשים און אידישע שטובער, וועט פארמאגן א פראמינענטן ארט אין דער ירושלים הבנויה בקרוב אין אונזערע טעג.

**א פרייליכן יום טוב, אונזערע אלע שכינים וידידים,**

**און א גוט קוויטל! ובשם ד' נעשה ונצליח!**

בס"ד

# VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE

811 Route 208, Monroe, NY 10950 · Phone: 845-782-2600 · Fax: 845-782-2601
P.O. Box 295, Blooming Grove, New York 10914 · www.vosbg.com

ת'היה פ'רנסה ש'פע ג'דול

## Shana Tova!

## שנה טובה ומתוקה

כתיבה וחתימה טובה ושנת גאולה וישועה

Mayor
*George Kalaj*

Deputy Mayor
*Abrahm Weiss*

Trustees
*Yitzchok Feldman*
*Zalmon Rosner*
*Asher Guttman*

Confidential Assistant
*Joel Stern*

Legislative Aide
*Isaac Ekstein*



### אין דער סעריע פון: "את כל התלאה אשר מצאתנו"...

# אַדמיניסטראַטאָר פון מוסדות ויואל משה קרית יואל שטויסט זיך אָן אין פיינטליכע באַנעמונג דורך "וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט" פירערשאַפט

תושבי בלומינגראוו זענען שוין ליידער איינגעוואוינט צו די העסליכע צוגאַנג וויאַזוי מיר שטייערצאָלער ווערן פרעך באַהאַנדלט דורך די לאָקאַלע "וואַשינגטאָנוויל" סקול דיסטריקט, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט מיט אן עפענטליכן וויזיע פון אומבאַרעכטיגט איגנאָרירן די רעכטן פון די היימישע געמיינדע, אָבער פאָרט, ווען מען הערט עס אויך פון אַ דרויסנדיגער, דאַן האָט עס אַ באַזונדערן באַדייט...

געווען איז עס דעם אָנהויב זומער, ווען דער באַגאַבטער אַדמיניסטראַטאָר פון מוסדות ויואל משה דרב"י אין קרית יואל, הרבני מו"ה משה אלי' עסטרייכער הי"ו, האָט באַשלאָסן צו פּרובירן און אָנקניפּן אַ פריינטליכן דיאַלאָג מיט די "וואשינגטאנוויל" סקול דיסטריקט פירערשאַפט, וואוסנדיג אַז לעת עתה טוען זיי למעשה פאַרפיגן אויף דער טראַנספּאָרטאַציע פון אַזויפיל הונדערטער קינדערלעך וועלכע פאָרן און קומען יעדן טאָג צו די מוסדות אין קרית יואל.

אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן די מוסדות זיך אָנגעשטויסן אין אומגעהויערע שוועריגקייטן אַנבאַלאַנגט די בלומינגראוו טראַנספּאָרטאַציע. ווי עס געדענקט זיך איז געווען שניי - טעג ווען די סקול דיסטריקט האָט איינפאַך אָפּגעשלאָסן די טראַנספּאָרטאַציע פון איין מינוט צו דער אַנדערער, אָן אפילו מודיע זיין די עלטערן דערוועגן, ווען קליינע קינדער זענען איבערגעלאָזט געוואָרן אויף די פראָסטיגע גאַס, א.ד.ג. וואָס פאַראַיאָר האָט מען זיך נאָך געקענט פאַרלאָזן אויף די פלאָטע פון 12 באָסעס דורך די יו. דזשעי. סי. איניציאַטיוו,

CATANIA, MAHON & RIDER, PLLC
ATTORNEYS AT LAW

JOSEPH A. CATANIA JR.*
RICHARD M. MAHON
MICHELLE F. RIDER, CPA ( FL )
PAUL S. ERNENWEIN
JOSEPH G. McKAY
MICHAEL E. CATANIA ( NJ )
SEAMUS P. WEIR
ARI I. BAUER
JOHN W. FURST
MICHAEL R. FRASCARELLI ( NJ )

HOBART J. SIMPSON ( 1975-2016 )

641 BROADWAY
NEWBURGH, NEW YORK 12550
TEL (845) 565-1100
FAX (845) 565-1999
TOLL FREE 1-800-344-5655

E-MAIL: CMR@CMRLAW.COM
(FAX AND E-MAIL SERVICE NOT ACCEPTED)
WWW.CMRLAW.COM

( ALSO ADMITTED IN )

* Of Counsel
** Special Counsel

SHAY A. HUMPHREY * *
JEFFREY S. SCULLEY * *
GEORGE L. KIAMOS
NICHOLAS C. LOZITO
JONATHAN J. DeJOY
JONATHAN S. BERCK ( NJ, DC )* *
DAVID E. DECKER
MELISSA L. COWAN
JUSTIN W. VAN HOUTEN

**Writer's Direct No.**
**(845) 569-4330**

**Writer's E-Mail**
**rmahon@cmrlaw.com**

August 11, 2022

**VIA E-MAIL AND FIRST-CLASS MAIL**

**dshaw@shawperelson.com**

Shaw, Perelson, May & Lambert, LLP
21 Van Wagner Road
Poughkeepsie, New York 12603

Attn.: David S. Shaw, Esq.

RE: Busing and Safety Issues
Washingtonville CSD

Dear David:

I represent the Sheri Torah V'Yoel Moshe Schools ("Sheri Torah schools") located in Kiryas Joel in the Town of Palm Tree in Orange County. As you may know, the Sheri Torah schools provide private-school instruction to many Orthodox families living within and paying taxes to the Washingtonville Central School District (the "District"). I understand that you represent this District.

Moshe Ostreicher, the Director of the Sheri Torah schools, wrote to the District leadership to convey pressing busing and safety issues. I attach a copy of his letter dated July 6, 2022. Unfortunately, he received no response to that letter from anyone within the School District. Keep in mind that the Washingtonville Central School District serves a population of over 3,700 students (Pre-K to Grade 12). The Sheri Torah schools serve a population of over 5,000 students. If this

**SHERI TORAH V'YOEL MOSHE SCHOOLS**
P.O. Box 2027
Monroe, New York 10949

July 6, 2022

**Via E-Mail and First Class Mail**

Washingtonville Central School District
52 West Main Street
Washingtonville, New York 10992

Attn.: Jennifer Dellova, Board of Education President
Larry Washington, Superintendent of Schools
Paul Nienstadt, Asst. Superintendent of Operations and Safety

RE: Bus Safety and Communications Issues
Washingtonville CSD

Dear President Dellova, Superintendent Washington
and Assistant Superintendent Nienstadt:

I am writing to you on behalf of the Sheri Torah V'Yoel Moshe Schools (known commonly as "Sheri Torah") located in Kiryas Joel in the Town of Palm Tree in Orange County. The Sheri Torah schools provide private-school instruction to many Orthodox families living within the Washingtonville Central School District (the "District"). Please allow me to discuss and explain the scope of an escalating problem strongly affecting the Safety of our students, our Transportation Dispatch and Scheduling operations, As well as our School and Classroom operations.

The District enrolled approximately 3,700 pupils for the 2021/2022 school year in its three elementary schools, one middle school and one high school. The District provides bus service to the children attending school (including private school) within the District.

Here we go to some Issue: The most pressing are the first two from the issues below.

**A Lack of a "Central" Dispatch system for our ENTIRE Transportation system, causing major Safety Issues for our Students.**

אָבער דעם קומענדיגן ווינטער וועט דאָס שוין נישט זיין, דאָס לייגט אַ שטאַרקע זאָרג און אחריות אויף די מוסדות, וועלכע ווילן נישט אַז אַזעלכע אינצידענטן זאָלן זיך איבערשפּילן.

דער אַדמיניסטראַטאָר האָט דעריבער זיך געוואָנדן מיט אַ העפליכן אימעיל צו די וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט סופּער-אַינטענדענט, מר. וואַשינגטאָן, און צו די סקול באָורד, מיט אַ ביטע אַז ער קוקט אַרויס צו שאַפן אַ געמיינזאַמע קאָמוניקאַציע און אַ פאַרשטענדעניש, צווישן דעם מוסד און די סקול דיסטריקט, נישט אַלס איינוואוינער פון בלומינגראוו, נאר אַלס דרויסנדיגער אַדמיניסטראַטאָר פון אַ מוסד וועלכער טראָגט אן אחריות אויף די קינדער פון דעם מוסד.

ס'איז אַריבער לאַנגע טעג און קיין אַנטוואָרט איז נישט צוריקגעקומען. נאָך עטליכע ביטעס וועלכע זענען איגנאָרירט געוואָרן, האָט ר' משה אלי' אַרויסגעשיקט בריוו מיט "סוירטיפייד מעיל" וואו ער בעט אַז ער קוקט אַרויס אויף אַ פריינטליכע דיאַלאָג, אָבער אויך דאָס מאָל זענען זיינע פאַרלאַנגען פשוט נישט געענטפערט געוואָרן. אין קול ואין קשב.

נישט האָבנדיג קיין אַנדערע אויסוועג, איז דער אַדוואָקאַט פון די מוסדות אַריינגעקומען אין בילד מיט אַ מעלדונג אַז אויב וועט די סקול דיסטריקט אַזוי פרעך באַהאַנדלן די זיכערהייט פון אונזערע קינדער דאַן קען זיי באַדראָען אַ "לאָוסוט" אין געריכט. דאָס האָט שוין וואַרשיינליך געהאַט אן איינפלוס, און נאָך צוויי בריוו פונעם לויער האָט מען דאָס ערשטע מאָל צוריקגעהערט פון די סקול דיסטריקט אַז זיי ווילן סקעדזשולן אַ מיטינג מיט די הנהלת המוסדות.

ווי אַנטוישט איז אָבער ר' משה אלי' געוואָרן ווען אָנקומענדיג צו דעם לאַנג ערוואַרטעטן זיצונג האָט ער זיך געטראָפן זיצן מיט עטליכע נידריג - ראַנגיגע סעקרעטעאַרן און שיק - יונגלעך וועלכע האָבן נישט קיין שום אַנונג אָדער מיינונג איבער די טראַנספּאָרטאַציע אָפּטיילונג. ס'איז קלאָר געוואָרן אַז בלומינגראַווער עלטערן קענען נישט באַקומען אפילו די מינימאַלע פאַרשטענדעניש פון די סקול דיסטריקט. זייערע טעקס געלטער ווערן גענוצט קעגן זייערע אינטערעסן, און מען קען ניטאַמאָל ערוואַרטן אַן איינפאַכע מיטינג צו שאַפן אַ שטיקל קאָמוניקאַציע.

אין אַ שמועס מיט דער "שטימע" מערקט הר"ר משה אלי' הי"ו אָן, אַז דורכאויס די גאַנצע צייט האָט ער קלאָר אונטערגעשטראָכן, אז ער קומט דירעקט נישט פאַרטרעטן בלומינגראוו אָדער בלומינגראווער איינוואוינער, ער וויל בלויז מצד עצמו זיך אַראָפּזעצן מיט די פירערשאַפט, אַלס בלויזע אחריות וואָס ער שפּירט אַלס אַדמיניסטראַטאָר פאר די סעיפטי פון די קינדער. קלערנדיג אַז מען הערט טאַקע אַזויפיל פון בלומינגראווער עסקנים איבער די האַרטנעקיגייט פון די סקול דיסטריקט אָבער ער האָט נאָך געהאַט אַ קלער אַז אפשר, דורך אַ דרויסנדיגער, וועט יאָ זיין אַ מהלך וויאַזוי צו שאַפן אַ דיאַלאָג, אָבער טראָץ דעם אַלעם האָבן זיי אים אַזוי בייזוויליג באַהאַנדלט וויבאַלד סעיפטי איז נישט בלויז קיין פּריאַריטעט נאר עס ניטאַמאָל אן אַרטיקל אויף די אַגענדע פון דעם סקול דיסטריקט.

ס'איז דער האָפענונג אַז מיט אַסאַך סייעתא דשמיא און בכח הציבור וועט בעז"ה ערמעגליכט ווערן אין דעם לאַנגן טערמין קלענערע און גרעסערע עפעקטיווע שריט, וואָס זאָל ענדגילטיג ברענגען די געוואונטשענע שינויים לטובה פאר די וואוילזיין און רעכטן פון עלטערן און קינדערלעך אינערהאַלב דעם גאַנצן דיסטריקט.

די שליחי הציבור אינערהאַלב די "יו. דזשעי. סי." שטייען ווירקליך אין פאַרבינדונג מיט לעגאַלע עקספּערטן און אַדוואָקאַטן, צו באַטראַכטן אַלע פּראַקטישע, פּאָליטישע און לעגאַלע, אָפּציעס וויאַזוי מען קען בעז"ה רעאַגירן. מען איז עוסק בעצה ותושי' להציל עשוק מיד עשקו, ויה"ר שתשרה שכינה במעשי ידינו ובשם ה' נעשה ונצליח.

# ביים פרי קאנסטרוקציע מיטינג מיט די DOT פאר די נייע טראפיק לייט וואס ווערט אראפגעשטעלט בעז"ה ביז געציילטע טעג ביי מאונטעין רד. און דעם 208






אויפ'ן שטח ביים איבערגיין די לעצטע דעטאלן פון די נייע טרעפיק לייט

לינקס: א ווירטועלע קאנפרענץ מיט די העכסטע ראנגען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אף טראנספארטעישן פאר ווייטערדיגע פארשריט

# קידוש השם ביי אָנדענק צערעמאָניע צייכנט אָפּ געדענקעניש פון סעפּטעמבער 11 געפאַלענע





דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג תבא איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דעם ווילעדזש אן אָנדענק צערעמאָניע, צו אָפּצייכענען דעם טראַגישן דאַטום פון סעפּטעמבער 11, און דעם צוזאַמפאַל פון די צווילינג טורעמעס, מיט דער באַטייליגונג פון דעם ווילעדזש מעיאָר און באַאַמטע און מיט אַ באדייטענדער אָנוועזנהייט פון ווילעדזש איינוואוינער, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רעספּעקט און אַ קידוש ה'.

דער מעיאָר יר"ה האָט אויפגעטרעטן מיט קורצע טרעפליכע ווערטער אין אָנדענק פון די געפאַלענע און אין עהרע די העלדישע רעטונגס אַגענטורן וועלכע האָבן פאַרלוירן לעבנס ביים ראַטעווען אַנדערע מענטשן. עס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ "מאָמענט פון שטילקייט" און דער באַגאַבטער חזן נפלא, בנש"ק הרב שמואל אליעזר אילאָוויטש שליט"א מחשובי תושבי עירינו, האָט אויפגעטרעטן מיט פּרקי חזנות "קל מלא רחמים" וואָס האָט טיף באַרירט אַלע אָנוועזנדע.

דורך די ווילעדזש באַהערדע איז דאַן צוגעשטעלט געוואָרן לייכטע איבערבייס פאר די באַטייליגטע און דער צערעמאָניע האָט זיך געשלאָסן אין אַ שטימונג פון קידוש ה', וויאַזוי מען קען לעבן פרידליך און רעספּעקטירן די ווירדן פון שכינים אויף אַ פּאָזיטיוון פאַרנעם.

# געפאַרפולער פאַרשוין ענדליך אַרעסטירט אַדאַנק געמיינזאַמע צוזאמאַרבעט צווישן לאָקאַלע פּאָליציי דעפּאַרטמענט און UJC עמערדזשענסי רעספּאַנס דעוויזיע



אין אַ סוקסעספולע געיעג האָט די "יו. דזשעי. סי. עמערדזשענסי רעספּאַנס דעוויזיע", אינאיינעם מיט די בלומינגראוו פּאָליציי דעפּאַרטמענט, באַוויזן דעם פאַרלאָפענעם דאָנערשטאָג שופטים צו אַראָפּהאַלטן און אַרעסטירן אַ שעדליכער מאַן, וועלכער האָט דורכאויס לאַנגע וואָכן דעם זומער אָנגעזייט פּאַניק אויף די גאַסן פון דער קעפּיטל הילל געגנט.

דער יוגנטליכער פלעגט אָפּט אַריינפאָרן אין דער געגנט מיט אַן "אלל טעררעין מאָטאָר וויהיקל" וואָס ער האָט געדרייווט אויף אַ גאָר ווילדן און אַגרעסיוון אופן, אויף די ראָודס און אויף פּריוואַטע שטחים, וואָס האָט דערשראָקן קינדער מיט זייערע עלטערן און אַריינגעקלאַפּט אין מענטשן. ער האָט יעדעס מאָל באַוויזן צו אַנטלויפן נאָך איידער די געזעץ היטער זענען אָנגעקומען אויף דער סצענע.

אָבער אַדאַנק די געניטע קאָאָרדינאַציע פון די יו. דזשעי. סי. רעספּאַנס דעוויזיע און אַדאַנק די "סורוועילענס קאַמערעס" וואָס זענען אינסטאָלירט אין עטליכע לאָקאַציעס אַרום דעם ווילעדזש, געאייגנט פאר אַזעלכע סיטואַציעס, האָט מען ב"ה עספּיעט צו האַלטן אַן אויג ווען דער פאַרשוין קומט אַהער, און ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען האָט מען אים נאָכגעיאָגט.

דער יונג האָט נאָך פּרובירט צו אַנטלויפן דורך אַרלינגטאָן דרייוו און דעם "דברי חיים" דעוועלאָפּמענט, אָבער גאַנץ שנעל איז ער אָפּגעשטעלט און אַריינגעפירט געוואָרן אין פּאָליציי סטאַנציע, וואו ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז ער פאַרמאָגט שוין אַן אַלטע קרימינאַלע רעקאָרד און ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן ניינצן באַזונדערע קלאַגעס.

תושבי העיר זענען דאַנקבאַר פאר די געשיקטע אַרבעט דורך די וואָלונטירן וועלכע האָבן אַראָפּגענומען אַזאַ געפאַר פון אונזערע גאַסן. אם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר. הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל.

# פייער דעפּאַרטמענט פּיילט "לאוסוט" אין געריכט קעגן ווילעדזש אַדמיניסטראַציע צוליב אַ פאָרשלאַג פון זעקס יאָר צוריק

פאַרגאַנגענעם אוגוסט האָט די סאַוט בלומינגראוו פייער דעפּאַרטמענט אַריינגעגעבן אַ "לאוסוט" אין געריכט קעגן די ווילעדזש רעגירונג. דאָס קומט נאָכדעם וואָס אין יאָר '16 למספרם האָט געזאָלט אויסגעהאַמערט ווערן אַ געוויסע פאַרשטענדעניש צווישן דעם דעמאָלטדיגן ווילעדזש מעיאָר, מר. ראב דזשעראלעמאן, און די פייער דעפּאַרטמענט, אַנבאַלאַנגט אן אויסטויש פון אַ פּראַפּערטי וואָס דער ווילעדזש האָט געקלערט פון אַוועקגעבן פאר דער פייער גאַראַדזש פאר אן עקסטערע אריינגאנג צום גאראזדש.

יענע פאָרשלאַג איז למעשה קיינמאָל נישט אָפיציעל אונטערגעשריבן געוואָרן. ס'איז בלויז געווען אַן א.ג. "מעמאראנדום אָוו אנדערסטענדינג" וואָס איז נישט צושטאַנד געקומען. פאַראַיאָר האָט די פייער דעפּאַרטמענט זיך דערמאַנט פון דעם פאָרשלאַג און האָבן דאָס געוואָלט צוריק אַרויפברענגען, אָבער די ווילעדזש באָורד האָט איינשטימונג געשטימט צו אנעלירן יענעם פאַרשטענדעניש, אַז מען זאָל נישט טראַנספאָרמירן דאס שטיקל לאַנד, נאָכדעם וואָס דער אָפּמאַך איז קיינמאָל נישט געהעריג באַשטעטיגט געוואָרן.

גלייכצייטיג האָט די ווילעדזש אָנגעצייגט און געטאדלט די פייער דעפּאַרטמענט אַז איידער מען באַטראַכט אַלטע פאָרשלאגן איז נישט מער ווי ריכטיג אַז זיי זאָלן צוערשט פאַררעכטן די ניוואָ פון דעם גאַנצן דעפּאַרטמענט. זיי זאָלן אָנקניפּן אַ פאַרשטענדעניש מיט די איינוואוינער און זאלן כאָטש ערלויבן פרישע קרעפטן זיך אָנצושליסן


FILED: ORANGE COUNTY CLERK 08/09/2022 04:07 PM | INDEX NO. EF004483-2022
NYSCEF DOC. NO. 10 | RECEIVED NYSCEF: 08/09/2022

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF ORANGE
---X
IN THE MATTER OF THE APPLICATION OF
SOUTH BLOOMING GROVE FIRE DISTRICT,

Petitioner,

-against-

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE,

Respondent.
---X

Index No. EF004483-2022

NOTICE OF PETITION

PLEASE TAKE NOTICE that upon the verified petition of WILLIAM S. BADURA, ESQ. dated August 8, 2022 and the attached exhibits, petitioner will request this court, at 9:30 o'clock in the forenoon on the 12th day of September, 2022 at the courthouse at 255 Main Street, Goshen, New York, for a judgment, pursuant to Article 78 of the CPLR compelling the defendant VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE to proceed with and finalize Village Board Resolution No. 58 adopted by it on June 13, 2016 authorizing a land transaction between the VILLAGE OF SOUTH BLOOMING and SOUTH BLOOMING GROVE FIRE DISTRICT and for such other and further relief as to this court may seem just and proper.

PLEASE TAKE FURTHER NOTICE, that answering papers, if any, are required to be served upon the undersigned attorneys seven (7) days prior to the petition return date pursuant to CPLR §7804(c).

KORNFELD, REW, NEWMAN & SIMEONE
ATTORNEYS AT LAW
139 LAFAYETTE AVENUE
SUFFERN, NEW YORK 10901

Filed in Orange County 08/09/2022 04:07:36 PM $45.00 Bk: 5149 Pg: 1805 Index: # EF004483-2022 Clerk: DK

FILED: ORANGE COUNTY CLERK 08/09/2022 04:07 PM | INDEX NO. EF004483-2022
NYSCEF DOC. NO. 10 | RECEIVED NYSCEF: 08/09/2022

Dated: Suffern, New York
August 8, 2022

Yours etc.,

KORNFELD, REW, NEWMAN & SIMEONE

By: ______
William S. Badura
Attorneys for Petitioner
Office & P.O. Address
139 Lafayette Avenue
P.O. Box 177
Suffern, New York 10901
(845) 357-2660

TO: VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE
811 NY-208
Monroe, New York 10950
845-782-2600

אין דעם וויכטיגן מיסיע. אַ זאַך וואָס די דעפּאַרטמענט באַקעמפּט פאר יעדן פּרייז.

זעהנדיג אַז זיי האָבן נישט קיין אויסזיכטן האָט די פייער דעפּארמענט אַריינגעטראָגן אַ לעכערליכע "לאוסוט" קעגן דעם ווילעדזש, וואָס לויט פּראָפעסיאָנאַלע אדאווקאטן האָט דאָס קיין שאַנס צו ווערן אָנגענומען ביי אַ ריכטער.

דער ווילעדזש האָט אויפגענומען דעם ספּעציעלן אטוירני פאר לאַנד באַנוץ אַנגעלעגנהייטן, מר. טעד באַראָן, פון די "בלושטיין שאפּירא" פירמע, וואָס איז באַרימט מיט זייער עקספּערטיז אין דעם געביט. דער לויער גרייט אַצינד אָן דעם קעיס צו פאַרטיידיגן דעם ווילעדזש פון דעם לאוסוט.

ס'איז צום באַדויערן אַז אין די זעלבע צייט וואָס די פייער דעפּאַרטמענט איז פאַרנומען מיט אַזעלכע זינלאָזע אָנקלאַגעס זענען זייערע פונקציעס זייער שטאַרק נאָכגעלאָזט אויף אַזוי ווייט אַז זיי קענען שווער צאַמשטעלן גרופּעס וועלכע זאלן זיין גרייט צו ענטפערן פייער רופן און עפעקטיוו באַקעמפן שריפות.

מען האָט געהאַט דערצו אַ ביישפּיל פאַרלאָפענע וואָך ווען אַ העלישע פייער האָט אויסגעבראָכן אין קרית יואל. עס זענען געקומען צופאָרן פייער קעמפער פון פילע ווייטע געגנטער, אָבער די שכינות'דיגע בלומינגראוו איז געבליבן הינטערשטעליג נישט קענענדיג שאַפן גענוג מענטשן קראַפט וואָס זאָלן ענטפערן דעם רוף.

ווי שוין ערוועהנט עטליכע מאָל צווישן די שפאלטענעס פון דער "שטימע" זעצן פאר די פלענער וויאַזוי צו אַדרעסירן אַ לאַנג - טערמיניגן לעזונג צו דעם פּראָבלעם, אין די ראַמען פון דעם פאַרברייטערטן "יו. דזשעי. סי. עמערדזשענסי רעספּאַנס דעוויזיע", וואָס וועט בעז"ה ברענגען פּאָזיטיווע פּאָרשריט אויף דעם געביט. ובשם ה' נעשה ונצליח.



בלומינגראוו שטימע BLOOMING GROVE VOICE

וְנָתַתִּי לָהֶם בְּבֵיתִי וּבְחוֹמֹתַי יָד וָשֵׁם טוֹב מִבָּנִים וּמִבָּנוֹת שֵׁם עוֹלָם אֶתֶּן לוֹ אֲשֶׁר לֹא יִכָּרֵת

# צוקונפטיגע גאַסן אין פּרעכטיגע "דברי חיים" דעוועלאָפּמענט באַקומען פּאַסיגע נעמען; וועט פאראייביגן הכרת הטוב פאר אונזערע געטרייע שלוחי דרחמנא ושלוחי ציבור די ווילעזש

ביי אונז, אידישע קינדער, ווייסט מען דאָך אַז אַ נאָמען פון אַ פּלאַץ איז פיל מער ווי די איינפאַכע אָפּטייטש דערפון. ווי מיר געפינען אין אַלע בראשית סדרות אַז דער נאָמען פון פאַרשידענע פּלעצער האָבן געהאַט אַ באַזונדערן באַדייט, איבערהויפּט ווען דאָס פּלאַץ האָט געטראָגן אַ נאָמען פון אַ מענטש. דאָס זעלבע טרעפן מיר ביי די מ"ט מסעות און ביי כיבוש הארץ, וואו יעדע נאָמען באַדייט אַ ספּעציפישע אונטערליגנדע מאורע און אַ הייליגער יסוד, אַ משמעות און אן אָפּטייטש.

אַזוי זאָגן אונז שוין חכמינו ז"ל אין מסכת ברכות: "מנא לן דשמא גרים, אמר רבי אליעזר דאמר קרא, לכו חזו מפעלות ה' אשר שם שמות בארץ אל תקרי שמות אלא שמות", ווייל דער נאָמען פון אַ פּלאַץ ברענגט מיט זיך געוויסע השפּעות און איינדרוקן אויף שטענדיג.

אָט דערפאַר, ווען מען האַלט שוין ב"ה ביי דעם קומענדיגן שטאַפּל אינערהאַלב די ריזיגע "דברי חיים" דעוועלאָפּמענט, ביי אַ פּאַזע ווען מען גרייט שוין אן די אויסלייג און די נעמען פון די צוקונפטיגע גאַסן, וועלכע וועלן באַדינען הונדערטער






אידישע פאַמיליעס מיט הרחבת הדעת, איז דורך די ווילעדזש באַאמטע, אינאיינעם מיט די דעוועלאָפּער, באַטראַכט געוואָרן פּאַסיגע נעמען וועלכע זאלן אַרויסברענגען דעם ריכטיגן הכרת הטוב, מיט אן אייביגע אָנדענק, לזכרון עולם, פאר די עוסקים בצרכי ציבור באמונה וועלכע האָבן ערמעגליכט מיט אַזויפיל פלאָג און מסירת נפש, אַז די שטאָט בלומינגראוו - מיר זאָלן דערגרייכן צו אַזאַ גליקליכע מאָמענט פון הרחבת גבולי הקדושה.

לויט די יעצטיגע פּלענער וועט דער גרויסער "דברי חיים" דעוועלאָפּמענט אַנטהאַלטן 11 גאַסן, וועלכע וועלן באַקרוינט ווערן מיט די פּאַסיגע נעמען לאות ולתפארת עולם.

די צענטראַלע ראָוד, וועט זיין בעז"ה אַ זעכציג פיס ברייטע סופּער ראָוד, צו פירן דעם גאַנצן טראַפיק פון דעם 208 צו אַלע קלענערע גאַסן, וועט טראָגן דעם פּאַסיגן נאָמען "שלום", וואָס איז דאָך דער שמו של הקב"ה און כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן דעם מהות פון "בלומינגראוו באחדות". אַזוי אויך די אַרומיגע גאַסן וועלן טראָגן ענליכע נעמען, "שלוה", "מנוחה", "שמחה", און "מנורה", צו אַריינברענגען די ברכה פון מנוחה ושמחה און אַ השפּעה פון ליכטיגקייט אין אידישע הייזער.

ווי דער כלל פון "חולקין כבוד למלכות", וועט איין גאס טראָגן דעם נאָמען פון דעם געשעצן מעיאָר יר"ה, וועלכער שטייט מיט אַזאַ אָפענע געטריישאַפט צו פאַרזיכערן אונזערע רעכטן, און האָט ערמעגליכט צו טוישן דאָס געזעץ מיט אַזאַ וויזיע פון הרחבת גבולי הקדושה, טראָץ אַלע געוואַלדיגע רדיפות און העסליכע אַטאַקעס אין זיין ריכטונג. אַזוי אויך וועט איין גאס זיין געווידמעט צו באַערן דעם ווילעדזש ריכטער, מר. סקאט יוגעל, וואָס איז אַן אמת'ער גוטער פריינד פאר די אידישע געמיינדע אויף טריט און שריט.

אין צוגאָב וועלן די גאַסן מנציח זיין לזכרון נצח, הני אנשי שם וועלכע האָבן זיך אַרויסגעשטעלט מיט אַזויפיל העלדנמוט, אַלס די שלוחי דרחמנא ושלוחי הציבור, ה"ה די העלדישע עסקנים עוסקים בצרכי ציבור באמונה הנקובים בשמותם, הרבני החסיד, כהן שדעתו יפה, מו"ה אברהם משה הכהן ווייס שליט"א דעפּיוטי מעיאָר, ואתו עמו די געטרייע טראָסטיס פונעם ווילעדזש, מו"ה יצחק פעלדמאַן הי"ו, מו"ה אשר זאב גוטמאַן הי"ו, מו"ה לייב ראָזנער הי"ו, כולם בשמם הטוב יברכו, וממנו ילמדו לדורות, אַלס הערליכע אַנערקענונג פאר זייער געטרייע דינסט לטובת הציבור בלי שום תשלום גמול.

די נייעס ווערט אויפגענומען מיט צופרידנהייט דורך כל תושבי העיר, וועלכע קוקן שוין אַרויס אויף די ווייטערדיגע פּאָזיטיווע פאָרשריט פון דעם הערליכן דעוועלאָפּמענט און אירע פילע גאַסן וואָס וועט זיין אַ בליענדער היימישער ישוב ביז משיח'ס טאָג, ווען הייליגע אידישע שטיבער זענען "עתידין לקבוע בארץ ישראל", און אונזער נאָבעלע שטאט בלומינגראוו וועט געוויס זיין אַ הערליכע פּערל, אן אינטעגראַלער פּנינה יקרה אין די שיינקייט פון ירושלים עיה"ק שיבנה בב"א.

זייט אינפארמירט!
זיך אויפצוסיינען צו באקומען די
י. זשעי. ס. טעקסט און טעלעפאן
אלערטס און אפדעיטס

ביטע טעקסט צו:
845.237.4828
אייער סעל נומער

# צענטראַלער "ווילעדזש פּלאַזאַ" ווערט פּלאַנירט צו אַקאָמאַדירן געטריי אַלע סערוויסעס פאר שטאט איינוואוינער

אינאיינעם מיט די עקזיסטירנדע און געפּלאַנטע הרחבת גבולי העיר וואָס פּראָגרעסירט מיט אַזאַ פּראַכט אויף אַלע פראָנטן, גייט אַצינד פּאָראויס די אַקטיווע פּלענער פון אַ ברייטן איניציאַטיוו דורך די ווילעדזש, צו בויען און עווענטועל אַהערשטעלן אַ גרויסצוגיגן "ווילעדזש פּלאַזאַ" אין צענטער פון דער שטאָט, וואָס וועט שטיין צו פאַרפיגן און באַדינען די שטאָט איינוואוינער מיט אַלע ערליי סערוויסעס אויף אַ העכסט פּראָפעסיאָנאַלן כאַראַקטער.

לויט די יעצטיגע אומשטענדן געפינט זיך דער יעצטיגער ווילעדזש אָפיס אין אַ קליינע נאָכגעלאָזטע לאָקאַציע, אויף אַזוי ווייט אַז די ווילעדזש שטאַב איז געצווינגען צו זיצן אין עטליכע לאָקאַלן און אויך דער מיטינג רום איז באַגרעניצט מיט ווייניג פּלאַץ.

שטייענדיג בעפאָר אַ נייע עפּאָכע אין דער שטאָט, ווען עס קומען בעז"ה אַרויף הערליכע בתי מדרשים, מקוואות טהרה, מוסדות התורה, ביזנעס צענטערן און אידישע דעוועלאָפּמענטס, אויף אַ פאַרנעם וואָס וועט דראַסטיש טוישן צום גוטן די עתיד פון אונזער שטאט, איז נישט מער ווי פאַרשטענדליך אַז אויך די ווילעדזש הויפּטקוואַרטירן דאַרפן אַצינד איינגערישט ווערן מיט אַ ברייטע וויזיע צו נאָכקומען דעם גרויסן וואוקס.

אין דער רחבות'דיגער ווילעדזש פּלאַזאַ וועלן איינגערישט ווערן אַלע אָפּטיילונגען מיט אַ ברייטע אויסוואַל פון די וויכטיגע סערוויסעס, באָורדס און דעפּאַרטמענטס פון דעם ווילעדזש, אַזוי אויך אַלע ערליי סאָציאַלע סערוויסעס, ווי פּאַספּאָרט אָפיסעס, מעדיקעיד און פוד סטעמפּס, און אַלע אַנדערע פּראַקטישע געברויכן וואָס אַ ווילעדזש אויף דעם פאַרנעם דארף האָבן. עווענטועל וועט דער פּלאַזאַ אויך אַקאָמאַדירן די פייער דעפּאַרטמענט, און די אָפּטיילונגען פון סאַניטאַציע, וואַסער, סוער, פּובליק ווארקס, א.א.וו.

די ווילעדזש איז שוין ווירקליך אין געשפּרעכן מיט די לאַנד אייגטומער, פון פּראַפּערטיס אַרום דעם עקזיסטירנדן ווילעדזש האָלל, צו אַריינעמען די שטחים פון דער "רעפּיד קעיר" ארזשענט קעיר אויף איין זייט און די "דעלי/דענטיסט" אויף דער אַנדערער זייט, אין צוגאָב צו שטחים וואָס גרעניצן זיך מיט די "סטאון געיט" דעוועלאָפּמענט.

מ ע ן זיצט מיט פּראָפּעסיאָנאַלן וועלכע צייכענען זיך אויס אין שאַפן פעדעראַלע און סטעיט "גרענטס", כדי צו אפּלייען פאר גרויסע "גרענטס" מיט די נויטיגע פינאַנצן פאר אַזאַ מולטי מיליאָן דאָלערדיגע פּראָיעקט, אַז ס'זאָל נישט קאָסטן פאר די שטייער צאָלער.

אַזוי אויך אַרבעט מען מיט דעזיינער וועלכע פאַרמאָגן עקספּערטיז צו בויען געביידעס פאר מוניציפּאַליטעטן, צו פאַרזיכערן אַז דאָס בויען פון דעם גרויסן "ווילעדזש פּלאַזאַ" וועט נאָכקומען אַלע פאָרשריפטן און זיין צוגעפּאַסט צו די שטרענגע איבערזיכט וואָס אַזעלכע סאָרט געביידעס גייען אַריבער, סיי ביים פּלאַנירן און סיי ביי די אַקטועלע בוי אַרבעט.

עס ווערן שוין פּאַקטיש אַהערגעשטעלט די ערשטע מאָדעלן און קאָנצעפּטן וויאַזוי עס וועט אויפגעשטעלט ווערן אַזא גרויסער צענטער מיט פילצאָליגע אָפּטיילונגען, איינריכטונגען און אָפיסעס, אויף אַ ריזיגן שטח מיט הונדערטער פּאַרקינג ערטער, אַלס אַ פולקאָם צוגעשטעלטער ווילעדזש פּלאַזאַ צו באַגלייטן און אַרויסהעלפן יעדן יחיד פון די תושבי העיר מיט אַלעס וואָס נאָר מעגליך.

אין די קומענדיגע מאָנאַטן וועט בעז"ה געמאָלדן ווערן די אַקטועלע לעיאוט און דיאַגראַם פּלענער, צו האַלטן די איינוואוינער אינפאָרמירט מיט די אַנטוויקלונגען ווי נאָר זיי פּאַסירן. ובשם ה' נעשה ונצליח.



# אָפיציעלער איבערזיכט אַנטפּלעקט שאָקירנדע מיסברויכן אין ווילעדזש וואַסער סיסטעם וואָס פאָדערט באַלדיגע רענאָוואַציע פּראָיעקט

צווישן די שפּאלטענס פון דער "שטימע" איז שוין מערערע מאָל געמאָלדן געוואָרן איבער די פּאָזיטיווע פּראַגרעס און באַמיאונגען וואָס ווערט געמאַכט דורך די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע צו באַהעפטן צום לאקאלן וואַסער סיסטעם אויך די ריזיגע וואַסער קוועלער, וועלכע געפינען זיך אין דעם שטח פון די צוקונפטיגע "דברי חיים" דעוועלאָפּמענט, אַז דאָס זאָל אַריינגיין אין באַנוץ און ברענגען אַ שפע פון וואַסער פאר דעם גאַנצן ווילעדזש ראַיאָן.

אַלס אַ טייל פון דעם פּראָצעדור צו באַהעפטן די וואַסער קוועלער, דאַרף צוערשט דאס וואַסער סיסטעם ווערן אונטערזוכט דורך די דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראמענטעל קאָנסערוועישאָן (DEC) און דורך די דעפּאַרטמענט אָוו העלט (DOH) וועלכע טוען פאַרזיכערן אַז דאָס וואַסער איז טאַקע ריין, געזונט און פּאַסיג צום באַנוץ. דאס רעכנט אַריין אויך אן איבערזיכט אויף די עקזיסטירנדע וואַסער קוועלער אין די גרעניצן פונעם ווילעדזש, וואָס איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן אין די לעצטע טעג אַדאַנק די אַקטיווע שתדלנות פון די שליחי הציבור עסקני העיר.

די אונטערזוכונגען האָבן אָבער, צום באדויערן, געברענגט צום אויבערפלאַך אַ פאַקטאָר וואָס מען האָט נישט געוואוסט ביז היינט, אַז דורכאויס די אַלע יאָרן, זינט דער ווילעדזש איז געגרונדעט געוואָרן, זענען די געוועזענע אַדמיניסטראַציעס באַגאַנגען שאנדפולע פאַרלעצונגען קעגן דאָס געזעץ, ווען זיי האָבן בייזוויליג פאַרנאַכלעסיגט די זיכערהייט פון דעם וואַסער סיסטעם. ס'איז פאַרהאַן אומצאָליגע ווייאלעישענס איבער די נאָכגעלאָזטע וואַסער אָפּטיילונג דאָ אין שטאָט, אויף אַזוי ווייט אַז מערסטנס וואַסער קוועלער פאַרמאָגן ניטאַמאָל קיין פּערמיטן פון דער העלט דעפּאַרטמענט און זענען אומלעגאַל באַנוצט געוואָרן ביז היינט!

נאָכמער שאָקירנד איז דער פאַקט אַז די פאַרלעצונגען זענען געטון געוואָרן דורך אַזעלכע אַדמיניסטראַציעס וועלכע האָבן אָנגעבליך געקעמפּט צו פּראַקטיצירן דאָס געזעץ און האָבן דורכגעפירט אַלע ערליי צוימונגען און שטרויכלונגען צו שטערן די פרידליכע אידישע איינוואוינער, אונטער'ן שלייער פון היטן דאס געזעץ, אין דער צייט וואָס זיי זעלבסט האָבן זיך נישט געקימערט צו אויספאָלגן די לעגאַלע פאַראָרדענונגען.

במשך לאַנגע יאָרן זענען די וואַסער קוואַלן נישט געוואָרן געהעריג געטעסט, די וואַסער רערן זענען נישט געוואָרן רענאָווירט און מען האָט נישט אויסגעפאָלגט די רעגולאַציעס. דער סיסטעם איז צעפאַלן און אָפּגעדינט אויף מערערע אַספּעקטן מיט אַ ריזיגע צאָל פון "ליעקס" אין די וואַסער ליניעס דורכאויס דעם גאַנצן ווילעדזש, וואָס האָט געברענגט דערצו אַז מען פאַרלירט 37 פּראָצענט פון דאָס וואַסער! און ס'איז אינגאַנצן קיין וואונדער פאַרוואָס מען האָט אַזויפיל געליטן פון שמוציגע וואַסער מיט אַ שווערן גערוך, אַדאַנק די לויזע ווירטשאַפט פון די געוועזענע ווילעדזש פירערשאַפט.

באַלד נאָכדעם וואָס מען האָט זיך דערזען מיט דער סיטואַציע האָט דער ווילעדזש דערקלערט אַ "סטעיט אָוו עמערדזשענסי" און ס'איז זאָפאָרט אויפגענומען געוואָרן גאָר ערפאַרענע פירמעס וועלכע זאָלן זיך באַפאַסן מיט די נויטיגע איינריכטונגען וואָס דאַרפן ווערן רענאָווירט, וויבאַלד מען קען נישט ערהאַלטן קיין שום אפּראוועל צו באַהעפטן די גרויסע קוועלער פון דעם "דברי חיים דעוועלאפמענט" ווילאַנג די ווילעדזש וואסער סיסטעם איז אין אַזאַ שוואַכן צושטאַנד.

אומר ועושה! די קאָסטבאַרע אונטערנעמונג איז שוין געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, ווען מען אַרבעט אויף אַלע איינצלהייטן פון וואַסער פּרעשור, טעסטינג און קוואַליטי, אַז אַלעס זאל שטימען הונדערט פּראָצענט לויט'ן געזעץ מיט אַלע פאַרלאַנגטע פאָרשריפטן.

דער פּראָיעקט ווערט דורכגעפירט דורך די באַקאַנטע WSP פירמע, אונטער די אויפזיכט פון דעם עקספּערט, מר. טאם קיוזאק, וועלכער איז אויסגערופן אין די לאָקאַלע און קאַונטי מוניציפּאַליטעטן, מיט זיין עקספּערטיז אין דעם געביט פון קוועלער און וואַסער.

די ווילעדזש אַדמיניסטראַציע אַרבעט העפטיג צו אפּלייען פּאר גרויסע "גרענטס" וואָס וועלן ערמעגליכן צו רענאָווירן אַלע וואַסער ליניעס אין דעם גאַנצן דיסטריקט, וואָס איז פול מיט לעכער און שפּאַלטענס. אַזוי אויך וועלן איבערגעפרישט ווערן די גרויסע וואַסער טאַנקן, וועלכע זענען כמעט אַלע פאַרשוואַרצט און ברעקלדיג, דאָס וועט ווערן איבערגעטוישט אויף שפּאָגל נייע פּראַקטישע טאַנקן.

אין די יעצטיגע טעג ווען אידישע קינדער זענען מתפלל פאר וואַסער, בצדקם חון חשרת מים! לשובע ולא לרזון!, האָפּט מען אין די קומענדיגע נאָענטע תקופה, צו קענען מעלדן די פּאָזיטיווע נייעס איבער דאָס באהעפטן די ליניעס צו די ריזיגע קוועלער פון דער "דברי חיים" דעוועלאָפּמענט פּראַפּערטי, צו עפּענען די קראַנען פון זויבערע, ציכטיגע וואַסער מיט אַ גרויסע שפע.

**ושאבתם מים בששון!**

# קלאָרשטעלונג

## אַנבאַלאַנגט דעם נייעם טויש אין דער זאָונינג געזעץ

נאָכ'ן פובליצירן די ברייט- ארומנעמענדע איבערזיכט אַרום דעם נייעם זאָונינג קאָוד, וואָס איז פאַרעפנטליכט געווארן אין דער פאַרגאַנגענער "שטימע" אויסגאַבע, זענען ב"ה ערהאַלטן געוואָרן אומצאָליגע פּאָזיטיווע און צופרידענע אָפּקלאַנגען פון אַלע זייטן און מיר באדאנקען זיך פאר אלע איינוואוינער וואס האבן גענומען די מיה צו קאמענטירן סיי פאזיטיוו און סיי מיט קאנסטרוקטיווע קריטיק פארן וואוילזיין און עתיד פון עירינו המעטירה.

גלייכצייטיג איז אַרויפגעברענגט געוואָרן פאַרשידענע פּונקטן און זאָרגן דורך תושבי העיר, ווי דער כלל וואָס איז גילטיג ביי אונז אין שטאָט פון "פאוער טו די פיפעל" - "שמוע בין אחיכם - ותשועה ברוב יועץ".

נאָכ'ן הערן דעם דעת הציבור ווערט דעריבער געמאָלדן אז עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַ טויש פון דעם אָריגינעלן פּלאַן:

# די "טאַון האָוס" אָפּציע איז דערווייל אראפּגענומען געווארן פון דער זאָונינג

**און עס ווערן נישט אנגענומען קיין אַפליקאציעס פאר די אפציע.**

**אינערהאַלב די גרעניצן פון דעם זאָונינג געזעץ וועט זיין די אָפּציעס פון**

## אַ פּריוואַטע הויז - אַ סעמי עטעשט הויז

**כל זמן עס קומט נאך די פארלאנגטע סעטבעקס און הייעך ווי ערוועגט אין דעם זאונינג קאוד**

מיר קוקן ווייטער אַרויס צו הערן די מיינונגען און קאָמענטאַרן פון תושבי העיר, פאר אַ שיינענדיגע וויזיע פון בליענדע הרחבת גבולי הקדושה מיט אַ געמיינזאַמע פאַרשטענדעניש.

# אָפּיציעלער איינשווערונג צערעמאָניע פאר פרישן קאָנגרעסמאַן פון ניו יאָרק סטעיט 18'טע דיסטריקט, מיט באַטייליגונג פון חרדי'שע עסקנים

דעם פאַרלאָפענעם דינסטאָג שופטים איז אין דער הויפטשטאָט וואַשינגטאָן די.סי. אָפּגעראָכטן געוואָרן די איינשווערונג צערעמאָניע פאר דעם נייעם קאָנגרעסמאַן פון דער 18'טער דיסטריקט אין ניו יאָרק סטעיט, מר. פעט רייען, וועלכער האָט ספּעציעל איינגעלאַדנט זיינע נאָנטע אידישע פריינד, כלל עסקנים, צו אַנטייל נעמען ביי דעם צערעמאָניע, דערמיט צו אויסדרוקן זיין הכרת הטוב אויף די שטיצע פון דעם חרד'ישן בלאק וואוט אין דעם דיסטריקט, וואָס וועט נאָך בעז"ה ברענגען אַסאַך גינסטיגע רעזולטאַטן אויפ'ן צוקונפט.



עס האָט זיך דערביי אָנגעזען די שליחי הציבור פון די פאַראייניגטע אידישע קהלות אין בלומינגראוו וועלכע האָבן אים אַסאַך אַרויסגעהאָלפן דורכאויס דעם קאַמפּיין, אַזוי אויך די עסקנים הדגולים, מו"ה אהרן בנציון ווידער הי"ו, ראַקלענד קאַונטי לעגיסלאַטור; מו"ה יעקב אייזדאָרפער הי"ו, פון דעם קאָנגרעסמאַן'ס קאַמפּיין שטאַב; מו"ה יצחק לעבאָוויטש הי"ו, עסקן נמרץ לטובת הכלל און נאָך אישי הציבור.



נאָך דער אָפּיציעלער צערעמאָניע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן איינדרוקספולע באַנקעט, ווי דער געוועזענער קאַונטי עקזעקיוטיוו און יעצטיגער קאָנגרעסמאַן מר. רייען, האָט זיך טיף באַדאַנקט פאר די עסקני הציבור וועלכע זענען געשטאַנען צו דער האַנט פון זיין קאַמפּיין, און פאַרשפּראָכן אַ פולקאָמע מיטאַרבעט מיט די אינטערעסן פון היימישע אידן איבער גאַנץ אָלסטער קאַונטי, בעז"ה.

אין די יעצטיגע טעג האָט זיך גלייכצייטיג אָנגעהויבן דער ענדגילטיגער פאַרמעסט אויפ'ן קאָנגרעס זיץ פון דעם 19'טן דיסטריקט, וואו דער קאָנגרעסמאַן וועט אויסשטיין אַ פאַרמעסט אין נאָוועמבער למספרם, קעגן דעם אַמטירנדן אסעמבלימאַן קאלין שמידט הידוע לשמצה מיטן זיין דער פאן טרעגער פון דעם "פרעזערוועישן טעקס ביל" וואס איז בחסדי השם וועטאירט געווארן - וועלכער לויפט אויך פאר די פאזיציע, און מען קוקט אַרויס מיט האָפענונג אויף דעם געווינס פון קאָנגרעסמאַן פעט רייען אַז אונזער געמיינדע זאל טאַקע האָבן אַ גוטן פריינד אין וואַשינגטאָן, אַלס אַן אוזן קושבת פאר אונזערע געברויכן און פאר די ווייטערדיגע אויפבלוה פון אידישע געגנטער. לב מלכים ושרים ביד ה'.

# שטימע קאַסטן

## בריוו צו דער רעדאַקציע



מיר ווילן הערן "אייער שטימע"!

**אין דעם קאָלום ערשיינען די בריוון און קאָמענטאַרן פון בלומינגראָווער איינוואוינער צו דער רעדאַקציע.**

**אדרבה, שרייבט! איבער סיי וועלכע נושאים איר האַלט ס'קען פאַראינטערעסירן און נוגע זיין אַנדערע תושבי העיר, למען תועלת הציבור.**

# צו די רעדאקציע פון די שטימע

קודם וויל איך אייך באדאנקען פון טיפן הארצן און זאגן בפה מלא "יישר כוח" פאר די ערליכע פראפעסיאנאלע ארבייט וואס איר לייגט אריין אין "די שטימע" וואס פארציילט אונז צווישן אירע שפאלטענעס עטוואס פון די אומגעהויערע שווערע הארעוואניע וואס די UJC און די געטרייע ווילעדזש אדמיניסטראציע לייגן אריין טאג איין טאג אויס מיט כסדר'דיגע פרישע חידושים און ווייטגרייכנדע אויפטוהן בכדי אויפצובויען אונזער שטאט אלס א ערליכע אידישע ישוב וואס זאל שטעלן דעם טאן פאר די ווייטערדיגע הרחבת גבולי הקדושה אויף א מאסשטאבליכן פארנעם.

בנוגע די עדיטאריעל וואס איז געווען עטליכע וואכן צוריק מיטן נאמען "דעם רבי'נס שטריימל" האב איך געוואלט צולייגן א הערה, א פאקט וואס איך שפיר איז וויכטיג באקאנט צו מאכן:

מיין זיידע הרה"ח ר' הירצקא יאקאבאוויטש ע"ה איז געקומען קיין אמעריקא אין די זעלבע תקופה ווי דער צעהלים'ער רב ז"ל נאך פאר די קריג און ער האט געהאט אין זיך דעם אריגינאלן אידישן פייער נישט נאכצולאזן גארנישט און ער איז שוין דעמאלט געגאנגען "אויף די גאס" מיט א "שטריימל" אן קיין מורא פון קיינעם!!

בשעת "קיינער" איז טאקע נישט געגאנגען אויף דער גאס מיט א שטריימל (צעהלימער רב  פלעגט דאס אנטוהן אין ביהמ"ד אבער נישט אויף דער גאס) צוליב וואס מ'האט באמת מורא געהאט צו זיין אזוי אויפפאלענד צווישן גוים האט מיין זיידע ר' הירצקא ז"ל דאס באוויזן צו זיין ראשון למקראי קודש.

אלס זיין אייניקל שפיר איך פאר א זכי' זיך צו ציילן צווישן די תושבי בלומינגראוו עטליכע יאר נאכאנאנד און מיטהאלטן דעם היסטארישן הרחבת גבולי הקדושה ווי אונזערע גאסן האבן זיך איבערגעדרייט פון גוים מיט כלבים צו א שפרודלדיגע אידישע שטאט מיטן "רבי'נס שטריימל" און «חותמו של רבי ניכר בו" א שטאט וואס מ'פירט זיך ערליך אויפן אלטן דרך בלי שום שינוי ב"ה.

**א יישר כח**
**דוד לייבוש יאקאבאוויטש**

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירינו

**ר' בנציון פריעדמאן** הי"ו
**ב"ר מנחם זאב** • חתן ר' **יחזקאל בינער**

**ר' זושא גליק** הי"ו
**ב"ר אברהם יהודה** • חתן ר' **מענדל בראך**

**ר' לייבוש ליכטענשטיין** הי"ו
**ב"ר אברהם חיים** • חתן ר' **יעקב יודא קאהן**

**ר' שמעון פריעדמאן** הי"ו
**בן הר"ר יוסף משה** • חתן ר' **דוד זינגער**

**ר' קלמן אליעזר מאלח** הי"ו
**ב"ר ראובן** • חתן ר' **דניאל ניוואח**

**ר' שמואל מענדלאוויטש** הי"ו
**ב"ר משה** • חתן ר' **הערשל פאכמאן**

**ר' מרדכי יצחק בלום** הי"ו
**ב"ר עזרא אלימלך** • חתן ר' **יודא הירש**

**ר' יצחק אייזיק מערמעלשטיין** הי"ו
**ב"ר איסר נפתלי** • חתן ר' **מענדל הענדלער**

**ר' יואל גאלדשטיין** הי"ו
**ב"ר יעקב מרדכי** • חתן ר' **הלל שפיטצער**

**ר' נתן קרפיל מרגליות** הי"ו
**ב"ר אלכסנדר אשר** • חתן ר' **בעריש קליינמאן**

**ר' אלימלך פריעדמאן** הי"ו
**ב"ר משה חיים** • חתן ר' **ישראל פאלקאוויטש**

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות, און נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

**שרייבט בריוו צו דער רעדאַקציע:**
Info@ujcofbloominggrove.org

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

הגה"צ ר' **יצחק מרדכי מייזעלס** שליט"א
**אבד"ק ראדאוויץ**
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

ר' **יצחק דניאל גבראַ** הי"ו
לרגל נישואי נכדתו למז"ט

ר' **יודל נאה** הי"ו
לרגל הולדות ותגלחת נינו
וארוסי נכדו למז"ט

ר' **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **יואל אלכסנדר שטערן** הי"ו
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **דוד משה צבי בערקאָוויטש** הי"ו
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **אהרן יוסף פערל** הי"ו
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **שמעלקא קליין** הי"ו
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **שמעון גערטנער** הי"ו
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **יואל סאאל** הי"ו
לרגל הולדות נכדו למז"ט

ר' **שמחה חיים סאנדעל** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

ר' **שלמה שווארץ** הי"ו
לרגל הולדות נכדתו למז"ט

ר' **פישל גאלדשטיין** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **סענדר טענענבוים** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **יואל ברוין** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

ר' **נחום חיים שווארץ** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **יעקב מנחם מערמעלשטיין** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

ר' **אליעזר יחזקאל שרגא ווייס** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

ר' **שמעון קרעמער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **הערשל פאכמאן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **דוד יצחק קליין** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **חיים אלטר ניימאן** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט
(בת ר' **אליעזר מאיר נאווי** ע"ה)

ר' **משה מנחם פאלקאָוויטש** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

ר' **שלום יודא ווייס** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **לייבל הערשקאָוויטש** הי"ו
משמש ד'בלומינגראוו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **יעקב ליכטענשטיין** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **יחזקאל שרגא מערק** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר **משה וואלף פאנעט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **אלי' לאנדא** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל אשר ראזענבערג** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **דוב גוטמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **משה מרדכי סרוגא** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים שלמה זלמן הכהן ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יודל מייזעלס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **יואל יושע ווייס** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **מאיר דוד גבראַ** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

ר' **חיים מענדל קאהן** הי"ו
לרגל הולדות בנו למז"ט

הר"ר **יואל מייזעלס** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **יואל ברוך ווינער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **הערש אליעזר קאהן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **יואל הכהן כ"ץ** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **אלימלך דוב אראן** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **משה בנציון סאנדעל** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

ר' **דוד מאיר פארקאש** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **נפתלי הירצקא וואללנער** הי"ו
לרגל הולדות בתו למז"ט

ר' **אברהם אבא שפיצער** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **יואל בנימין זאב ווייס** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהתומ"צ

ר' **יעקב חיים כ"ץ** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **יצחק אייזיק פריעד** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

ר' **שלום דוב ליבערמאן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

יזכו כולם לראות
רב נחת דקדושה
מתוך הרחבת
הדעת

# United Jewish Community *of* Blooming Grove

*Mailing address:* PO Box 808 Monroe, NY 10949 • *Hotline:* 845-237-4828 • *Email:* Info@UJCofBloomingGrove.org



**Isaac Ekstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Grunhut**
**Chaim Gluck**
**Sendy Stern**
**Meilech Hiller**
**Shia Bitman**
**Shmiel Burich Kohn**
**Shmaya Spitzer**
*Board members*


בס"ד

EMERGENCY RESPONSE DIVISION

מיט דעם טוען מיר מעלדן אז אי"ה וועט ווערן צוגעשטעלט די

# פּאַטראָל קאַרס
## שמיני עצרת שמחת תורה
### הבעל"ט

וואס וועלן בעז"ה ארומפארן אויף די גאסן פון שטאט

## זונטאג נאכט - ליל שמע"צ
**פונעם זמן הדלקה"נ ביז 12:00 בייניאכט**

## מאנטאג - שמיני עצרת ש"ת
**פון 3:00 נאכמיטאג ביז 12:00 בייניאכט**

## דינסטאג - שמחת תורה
**פון 3:00 נאכמיטאג ביז מוצאי יו"ט**

---

די אונטערנעמונג ווערט אנגעפירט דורך ידידינו איש החסד בלב ונפש
העסקן הנמרץ מו"ה **ישעי' הירש** הי"ו
פאר סיי וועלכע אנגעלעגנהייטן איבער די פאטראל סערוויס
קען מען זיך ווענדן צום אים, ובשם ה' נעשה ונצליח!

---

בברכת גוט שבת, גוט יו"ט, ובשם ה' נעשה ונצליח!
**United Jewish Community** *of* **Blooming Grove**

נתנדב לטובת תושבי עירינו המעטירה ע"י ידידינו החשובים
## הרב מקאריץ שליט"א
**מוה"ר פישל רייך הי"ו**

RICH BUILDERS

KORITZ

הטיבה ה' לטובים ולישרים בלבותם

United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

**Isaac Ekstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Grunhut**
**Chaim Gluck**
**Sendy Stern**
**Meilech Hiller**
**Shia Bitman**
**Shmiel Burich Kohn**
**Shmaya Spitzer**
*Board members*

בס"ד

מיט דעם טוען מיר מעלדן אז אי"ה וועט ווערן צוגעשטעלט די

# פַּאַטרָאל קאַרס
## אויף חג הסוכות
### הבעל"ט

וואס וועלן בעז"ה ארומפארן אויף די גאסן פון שטאט

## זונטאג נאכט - ליל א' דיו"ט
**פונעם זמן הדלקה"נ ביז 12:00 ביינאכט**

## מאנטאג - יום א' דיו"ט
**פון 3:00 נאכמיטאג ביז 12:00 ביינאכט**

## דינסטאג - יום ב' דיו"ט
**פון 3:00 נאכמיטאג ביז מוצאי יו"ט**

די אונטערנעמונג ווערט אנגעפירט דורך ידידינו איש החסד בלב ונפש
העסקן הנמרץ מו"ה **ישעי' הירש** הי"ו
פאר סיי וועלכע אנגעלעגענהייטן איבער די פאטראל סערוויס
קען מען זיך ווענדן צום אים, ובשם ה' נעשה ונצליח!

בברכת גוט שבת, גוט יו"ט, ובשם ה' נעשה ונצליח!
**United Jewish Community of Blooming Grove**

נתנדב לטובת תושבי עירינו המעטירה ע"י ידידינו החשוב
**מוה"ר יחזקאל שרגא מערץ הי"ו**
הטיבה ה' לטובים ולישרים בלבותם




**Dumpster & Demolition Services**

בס"ד

**United Jewish Community**
*of* **Blooming Grove**

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

# קופת עירינו
עזרה לענייי עירך
# בלומינגראוו
• בפיקוח רבני העיר שליט"א •

# חברת עונג שבת בלומינגראוו

לאור המצב מיט די הימלשרייענדע יקרות ווערט אצינד געגרינדעט די חברת **"עונג שבת בלומינגראוו"** וואס וועט פארטיילן עסן פעקלעך מיט אן הרחבה מידי שבת בשבתו פאר נצרכים תושבי עירינו.

דער פראגראם ווערט אנגעפירט דורך אונזער חשוב'ן דעפיוטי מעיאר הרה"ח כהן שדעתו יפה הרבני ר' **אברהם משה הכהן ווייס** ני"ו, און העסקן הנמרץ מוה"ר **יצחק אלחנן פעלדמאן** הי"ו און וועט זיך אנפאנגען אין די וואכן נאך יום טוב.

**אויב ווילט איר ארויפלייגן אייגעם אויף די ליסטע ביטע פארבינדט זיך מיט די עסקנים און עס וועט ווערן מסודר בהצנע לכת ובסבר פנים יפות 845.494.0237**

ובשם ד' נעשה ונצליח

## יואל שטערן, יצחק עקשטיין

**אין נאמען פון די פאראייניגטע אידישע קהלות, בלומינגראוו**



בס"ד
YOUR BUSINESS STRATEGY
STARTS HERE
NEXT LEVEL OF BUSINESS
INTRODUCING
STONEGATE Center
ROUTE 208 / 2 STONEGATE DRIVE, MONROE, NY 10950
NOW LEASING
Customized built to your style & needs
Large windows
Modern conference room
Airy roof deck
24 hour building access
Close to NYS-Thruway / 17M
Main road access - Route 208
Parking space galore
Supermarket in the building
Transportation shuttles
SUPERMARKET
2
STONEGATE
Center
FINANCIAL INSTITUTION
MORTGAGE BROKERAGE
HR STAFFING AGENCY
XYZ MFG.
A-Y & SONS ARCHITECTS
CALL TO INQUIRE TODAY!
845.388.1900
info@BloomingRealty.com
Moche Halpern
718-930-1877
moche@bloomingrealty.com
Lazar Schvimmer
845-238-0247
lazar@bloomingrealty.com
Shia Lieberman
347-781-4545
shia@bloomingrealty.com
PROJECT BY:
BLOOMING REALTY

בס"ד

אין עוד מלבדו

# RAPID CARE

## YOUR COMMUNITY URGENT CARE

**COVID TESTING**
No out of pocket cost



# תשרי סקעדזשול

**געווענליכע טאג**
פון 4:00 נאכמיטאג
ביז 12:00 ביינאכט

**שבת און יום טוב טעג**
פון 12:00 מיטאג
ביז 12:00 ביינאכט

| זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שבת |
|---|---|---|---|---|---|---|
| ערב ר"ה<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ראש השנה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ראש השנה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | צום גדלי'<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | וילך - שובה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ערב יו"כ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | יום כיפור<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | האזינו<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| ערב סוכות<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | א' דסוכות<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ב' דסוכות<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | א' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ב' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | ג' דחוה"מ<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שבת חוה"מ<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |
| הושענא רבא<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שמיני עצרת<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | שמחת תורה<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | אסרו חג<br>פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | פון 4:00 נאכמיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט | בראשית<br>פון 12:00 מיטאג<br>ביז 12:00 ביינאכט |

מיר שטייען אייך גרייט צו סערווירן
מיט געטרייע עמערזשענסי רום
דאקטוירים צו אייער צופרידנהייט!

*א גוט געבענטשט יאר, געזונטערהייט!*

**WALK IN!**
**NO appointments needed!**



**815 NY-208**
**South Blooming Grove**
**845.525.2000**


BG shtima
P. O. Box 808
Monroe NY 10949